פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה זייט $\frac{8}{9}$

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 293	Łódź, Niedziela, 18 grudnia 1932 r.	צענטער יאהרגאנג	לאדז, זונטאג, י״ט כסלו תרצ״ג	№ 293

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

באנקור-פראנצויזישער פרעמיער

די רעגירונג איז נאר נישט געשאפען געווארען

פאריז, 17 (ספ. טעל.)

שאטאן האט זיך אפגעזאגט פון דער מיסיע צו שאפען דעם קאבינעט און דער פרעזידענט לעב-רען האט גערופען צו זיך פאל באנקור איהם אי-בערצוגעבען די דאזיגע מיסיע. באנקור האט די מיסיע אנגענומען. ביז איצט האט ער אבער די רעגירונג נישט געשאפען.

העריא האט זיך אפגעזאגט אנצונעהמען די טעקע פון אויסערן-מיניסטער.

אז פראנקרייך וועט נישט צאלען וועט אמעריקא ברוגז ווערען אין גענף

לאנדאן, 17 (טעל.)

פון וואשינגטאן מעלדעט מען, אז אין די דארטיגע פאליטישע קרייזען האלט מען פאר מעגליך, אז די אמעריקאנישע דעלעגאציע אויף דער עטוואפנונגס-קאנפערענץ זאל אפגערופען ווערען, אויב פראנקרייך וועט בלייבען ביי איהר שטעלונג נישט צו צאהלען די חובות.

ענדעקישע סטודענטען בעפאלען א יודישען סטודענט

די שלעגערס ווערען געשטעלט פאר א דיסציפלינאר-געריכט

ווארשא, 17 (י.ט.א. טעלעגראפיש).

נעכטען זענען צוויי ענדעקישע סטודענטען בעפאלען דעם יודישען סטודענט שמואל קאטא-וויטש פון מעדיצינישען פאקולטעט דערפאר, וואס אויף דער קאנפערענץ פון די סטודענטען מיט' דעקאן פון מעדיצינישען פאקולטעט, האט זיך שמואל קאטאוויטש ארויסגעזאגט געגען בעהערען דעם אידענק פון סטודענט גראטקאווסקי. ביידע שלעגערס ווערען געשטעלט פאר א דיסציפלינאר-געריכט. ס'דראהט זיי ארויסגעשלאסען צו ווערען פון דער אוניווערזיטעט.

אמעריקע ווערט ווייכער...

ס'האבען זיך נעענדערט די שטימונגען

וואשינגטאן, 17 (ספ. טעל.)

בעת דער דיסקוסיע איבער די חובות-פראגע וועלכע איז פארגעקומען אין סענאט, האט זיך גע-וויזען א געוויסע ענדערונג אין די שטימונגען, וואס מאכען מעגליך א פארשטענדיגונג.

דער פראנצויזישער אמבאסאדאר האט אפגע-האלטען א לאנגען געשפרעך מיט'ן אויסערן-מיניס-טער סטימסאן.

אגודת „לומדי שעורי ערב ובוקר"
פל. וואלנאשטשי 3 ביי „נושאי המטה"

היינט, זונטאג, פ' וישב 18/12, 9 אווענד קומט פאר אין זאל פיראמאוויטשא 3
א פייערליכער
סיום מסכת בבא בתרא
פארבונדען מיט א
התחלת כתיבת ספר תורה

מיט'ן אנטייל פון חשוב'ן
הגאון מרן ר' מאיר שפירא שליט״א
לובלינער רב

און אנגעזעהענע פערזענליכקייטען און טאלאנטירטע רעדנער.
א גוט איינשטודירט כאר און פערגרע-סערטער ארקעסטער
אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ש. זיידערמאן.

בילעטען צו בעקומען אין א בעגרענעצטער צאהל ביי דער קאסע.

ביי'ער קאנצערט-זאל
3 פיראמאווישא 3

בוכהאלטערס ווייסען
אז סאלידע האנדעלס ביכער און פיל-רובריטע טאג-ביכער צו זעהר נידריגע פרייזען
אין א גרויסען אויסוואהל בעזיצט אויף לאגער די ספעציעלע ביכער-פאבריק
A. J. OSTROWSKI
55 Łódź, Piotrkowska 55
tel. 203-54.
בעמערקונג: ס'איז שוין ארויס דאס פראקטישע האנדעלס-בוך, בעשטעטיגט דורכ'ן פינאנץ-מיניסטעריום פאר סדענערע האנדעלס- און אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען. אלע נעגויע אינפארמאציעס און אויפמערקזאמקייט ווערט ערטיילט אויף יודיש.
5219

בעקאנטמאכונג.
דערמיט מאך איך בעקאנט דער ג' קונדשאפט, אז איך נעהם אן אלערליי פלומפען, ווי ספרליי-ונג און שלאסער-ארבייטען צו קאנקורענץ-פרייזען
רעעלע בעהאנדלונג.
מיט אכטונג
בערל יארכאווסקי
1 פאנסקא 1

צו אלע גלויביגע פון א. י. אסטראמאגילסקי
היינט, זונטאג, דעם 18. דעצעמבער ד. י., 10 פריה קומט פאר אין האנדווערקער-קלוב, פאלודניאווא 4
א פערזאמלונג,
צו וועלכער אלע ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען, ווייל עס האנדעלט זיך אין אייערע אייגענע אינטערעסען.
5334

Dr. med. H. ŁUBICZ
ספעצ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה
צעגעלניאנא 7, טעל. 141-32
נעמט אן פון 8–10 פריה, פון 12–2 נאכמ. און פון 5–8 אווענד. זונטאג פון 9–11 בייטאג.

וויכטיג פאר אלע סוחרים און פאבריקאנטען!
וועגען דעם צוואנג פון איינפיהרען האנדעלס-ביכער לויט'ן געזעץ ערטיילען מיר אומזיסט פון היינט ביז ענדע יאהר גענויע אינפארמאציעס און ערטיילען יעדען איינציגען סוחר די ריכטיגע עצה דורך אנ'ערשטקלאסיגען זאכקענער.
בוכפיהרונגס- און רעוויזיאנס-ביורא
ס. בראווערמאן
8 שרודמיעסקא 8, פראנט, 1 שט. טעל. 228-52

אכטונג, מיטגלידער פון דער האנדווערקער-באנק
אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון דער פערוואהל-פערזאמלונג פון די מיט-גלידער פון דער האנדווערקער-באנק, פאלודניאווא 4, וואס איז נעכטען פארגעקומען, ווערען אלע מיטגלידער פון דער האנדווערקער-באנק, איינגע-לאדענע און נישט-איינגעלאדענע אויפגעפאדערט צו קומען צו דער אלגע-מיינער פערזאמלונג.
די פערזאמלונג קומט פאר היינט: זונטאג, פינקטליך 4 א זייגער נאכמיטאג אין לאקאל פון צענטראלען האנדווערקער-פערבאנד, פאלודניאווא 4.
געדענקט, אז דער ווייטערדיגער גורל פון דער באנק ליגט אין אייערע הענד.
די צייטווייליגע קאמיסיע.

רעשטען
לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק
פערשידענע קאמגארנס ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געפינט נאר
אין פראנט, II שטאק

פאר גאלד, בריליאנטען, ביזשוטעריע
און לאמבארד-קוויטעם
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

Dr. Wajnberg
ספעצ. פון הארץ- און לונגען-קראנקהייטען
ציגעל-גאס 11, טעל. 126 02
נעמט אן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אווענד.

האנדעלס-ביכער און פאבריקס-ביכער
איז א גרויסען אויסוואהל קען מען בעקומען
צו זעהר נידריגע קאנקורענץ-פרייזען
אין שרייב-מאטעריאלען-געשעפט
S. HAMBURSKI, Łódź
Piotrkowska 42, tel. 210-02.

וועגען די לעמבערגער געשעהענישען

רעדע פון דעפ. ראזמארין אויף דער ביודזשעט קאמיסיע ביים סיים

וואַרשאַ, 17. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָר־רעספּאָנדענט). די ביודזשעט־דעבאַטע אין דער סיים־קאָמיסיע קומט היי־יאָהר פאָר נישט אַזוי אײליג. ווי פאַראַיאָהרען, ווייל מען האָט זי אָנגעהויבען אַביסעל פריהער.

די ערשטע פאָליטישע צוזאמענשטויסן

צווישען דער רעגירונג און סיים־מעהרהייט מיט דער אָפּאָזיציע. אַ רייהע קלענערע אַרויסטרעטונגען זענען שוין פאָרגעקומען ביי די קלענערע בודזשעטען, וועלכע זענען בעטראַכט געוואָרען די לעצטע טעג (סיים, סענאַט, מלוכה־פּרעזידיום, העכסטע קאָנ־טראָל־קאַמער א. ד. גל.). נעכטען ביים

בודזשעט פון מיניסטעריום-ראַט

— איז שוין געווען אַ ברייטערע אָפּענסיווע פון דער אָפּאָזיציע אונטער דער אָנפיהרונג פון אַלטען ענדעק טראמפטשינסקי.

אָנגעהויבען האָט עס זיך מיט רעפעראַט פון „סאַנאַציע״־דעפּוטאַט הוטען־טשאַפּסקי, וועלכער ריהמט זייער דעם פּרעמיער, דעם גאַנצען מיני־סטערען־ראַט און די בעאַמטע, אין זאַך שטעכט איהם בלויז: הייגט — שוין

נאָך אַלע רעדוקציעס

פערדינט נאָך אַ רעגירונגס־וואָזשנע 290 גילדען חודשלעך, בעת אַן אונזער זיטעט־דאָצענט פערדינט בלויז 240 גילדען אַ חודש.

דאָס ערשטע וואָרט אין דער דיסקוסיע בע־קומט דער

אוקראַאינער ברוצקי

וועלכער שטעלט פעסט, אַז דאָס פּוילישע פאָלק איז ענדגילטיג געוואָרען גלייכבערעכטיגט מיט'ן אוי־קראַאינישען אין... רעכטלאָזיגקייט. זיין גאַנצע רעדע ווידמעט ער די רדיפות אויפ'ן פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער, עס זענען לעצטענס — זאָגט ער — געשעהען פאַלען פון פערכאַפּען מיט געוואַלט די פערמאַכטע צערקווס. כ'ווייס נישט, צי די רעגי־רונג שאַצט ריכטיג אָפּ די דאָזיגע גרייטקייט פון דער בעפעלקערונג צו מאַכען קרבנות.

נאָך ברוצקין איז געקומען דער גענעראַל־אָנגריף — דאָס איז געווען די אַרויסטרעטונג פון ענדעקישען לידער

דעפּ. טראַמפּטשינסקי

ער בעדויערט, וואָס פּרעמיער פּריסטאָר אַליין איז נישט געקומען צו דער זיצונג (ס'איז געקומען וויצע־פּרעמיער באַקאָניעטשניקאָוו־קלוקאָווסקי), הגם זיס איז געווען בעוואוסט, אַז ער, טראַמפּטשינסקי, גרייט זיך צו רעדען וועגען זאַכען, וועגען וועלכע מען דאַרף נישט רעדען אויפ'ן סיים־פּלענום.

דאַן גייט ער איבער צום עצם־ענין. די בירגער טיילט ער איין אויף 3 קאַטעגאָריעס: סאַנאַציאָנישע פאַרשוינדליך, גרויער עולם שטייער־צאָהלער און די אָפּאָזיציע.

„אין פאָלק — זאָגט ער — האָט זיך געשאַפען א טיפער האַס...

וויצע־מאַרשאַלעק דעפּ. פּאָליאַקעוויטש: צו וועמען?

דעפּ. טראַמפּטשינסקי: טויזענטער גוטע בע־אַמטע און אָפיצירען ווערען אַרויסגעוואָרפען, ווייל די דאָקטוירים קאָמיסיעס שטעלען אויס פאַלשע צייגנישען.

דעפּ. פּאָליאַקאָוויטש: כ'דערקלער, אַז ס'איז נישט אמת!

דעפּ. טראַמפּטשינסקי: פאַקטענס בעקומען באַר די טרייע דינער פון דער רעגירונג.

דעפּ. פּאָליאַקעוויטש: אַ צווייט מאָל — נישט אמת!

דעפּ. טראַמפּטשינסקי: מען עקספּלאָאַטירט די בעפעלקערונג.

דעפּ. פּאָליאַקעוויטש: גיט ביישפּילען!

דעפּ. טראַמפּטשינסקי: כ'קען אייך געבען טויזענט!

דעפּ. פּאָליאַקעוויטש: גיט צעהן!

דאָ קומט צו אַ צוזאַמענשטויס און צו א

טומעל

דאָס איז געווען דאַן, ווען דער רעדנער האָט שאַרף קריטיקירט די מיניסטאָרען יענדזשעיעוויטש און מיכאַלאָווסקי, ווי אויך — דעם שלעזישען וואָיעוואָדע גראַזשינסקי. ער האָט דערביי אָנגערופען דאָס פערנעמען שלעזיע דורך די פּאָליאַקען „אָקור־פּאַציע“...

ס'איז לייכט זיך פאָרצושטעלען דעם טומעל, וועלכען די סאַנאַטאָרען האָבען אויפגעהויבען: נאַ־ראָנים וועלען זיי זיין? — זיי וועלען נישט אויס־נוצען אַנ'„אומפּאָרזיכטיג וואָרט“ פון אַלטען ענדע־קישען לייב?

ווען טראַמפּטשינסקי דערמאָנט אַ פּויזנער כאָ־נאַטאָרישען רעאַקטאָר שטשעפּקאָווסקי, הייבען די סאַנאַטאָרען אָן שרייען, אַז שטשעפּקאָווסקי איז צו זיי געקומען פון ענדעקישען „קוריער פּאָזנאַנסקי“.

ס'נעמט אַ וואָרט

דעפּ. טשאַפּינסקי (פּ. פּ. ס.)

קודם כל פאָדערט ער די רעגירונג זאָל קלאָר דערקלערען, אַז זי וועט נישט נאָר נישט אַדורכפיהרען קיין רעדוקציע פון די לוינען פון די מלוכה־בעאַמטע, נאָר אַז די רעגירונג וועט בעקעמפען אַזאַ פאָרשלאַג, אויב ער וועט קומען פון די „סאַ־נאַציע“־דעפּוטאַטען.

דאַן הייבט ער אָן רעדע וועגען

שלאָגעז און פייניגען אַרעסטירטע

— דאָס איז — זאָגט ער — נישט דערלאָזבאַר פאַר אַ מלוכה, וועלכע וויל אָנגיין פאַר אַ ציווי־ליזירטע.

דער רעדנער דערמאָנט די פאַקטען, וועלכע זענען בעשריבען אין דער לעצטער פּ. פּ. ס.־אישער אינטערפּעלאַציע (זעה היינטיגען נומער) און זאָגט:

— דאָ האַנדעלט זיך נישט וועגען סתם שלאָגען, נאָר וועגען סיסטעמאַטישען פייניגען מיט אויסערגעוועהנליכע ענויים.

ער פאָדערט די רעגירונג זאָל ענטפערען אויף דער אינטערפּעלאַציע.

לסוף זאָגט ער זיך אַרויס פאַר פערקלערען דעם דיספּאָזיציע־פאָנד, פאַר אויסראָטען כּוֹן „פּאַט“ (אָפיציעלע טעלעגראַפען אַגענטור) די פּאַרטייאיש־קייט און ער פאָדערט אויך, מען זאָל ענדגילטיג שוין אַרויסגעבען מיצקעוויטשעס ווערק, אויף וועלכע מען האָט מיט 12 יאָהר צוריק אַסיגנירט געלט.

זייער שאַרף טרעט אַרויס דעפּ. פּאָליאַקעוויטש (סאַנאַציע)

ער זידלט זייער שטאַרק דעם ענדעק טראַמפּטשינ־סקי פאַר זיין האַס צו דער רעגירונג.

וועגען דעם אוקראַאינער ברוצקי וויל ער נישט רעדען — דאָס איז דאָך אַ שונא פון פּוילען. תּוך־כדי־דיבור פערעדט ער זיך, אַז פּראָנצויזען האָבען איהם געזאָגט, אַז דער פּוילישער פּאַרלאַמענטאַריזם געהער צו די בעסטע. צווישען די מיטגלידער פון דער קאָמ... ווערט אַ געלעכטער. מען שרייט צום דעפּ. פּאָליאַקעוויטש:

— גייט, דערציילט דאָס דעם מאַרשאַל...

דעפּ. ראָזמאַרין זאָגט: זייט אַ לענגערער צייט טרעפען די שטימען פון די יודישע דעפּוטאַטען נישט אָן אויף קיין שום עכא אין דער לייטונג פון דער רעגירונג. די עקספּאָזעס פון די הערען פּרעמ־יערען געהען איבער דער דאָזיגער פראַגע אַריבער צו דער טאָג־אָרדנונג.

זייט אַ געוויסער צייט זענען מיר עדות פון אַנטי־יודישע עקסצעסען, וואָס ווערען אַרויסגערופען אין פערשידענע אָפּשניטען צייט דורך געוויסע עלעמענטען, און טרעפען נישט אָן אויף דער רעאַקציע, מיט וועלכער זיי דאַרפען זיך טרעפען: זייט אַ רייהע יאָהרען קומט פאָר אַ וואַנדערנדע אַגי־טאַציע אין דער ענדעקישער פּרעסע, וועלכע ווערט אָבער געשיצט דורכ'ן צענזאָר. מיט עטליכע טעג צוריק איז אין דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ“ געווען געדרוקט אַרטיקלען אין וועלכע ס'איז געזאָגט געוואָרען, אַז מ'קען שלאָגען יודען און מ'דאַרף נישט מורא האָבען פאַר קיין רעאַקציע אין אויסלאַנד.

איך קען נישט וואַרטען — זאָגט דעפּ. ראָזמא־רין, אויפ'ן בודזשעט פון אינערן־מיניסטעריום, איך מוז די דאָזיגע פראַגע דאָ בעריהרען, ווייל די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע קען דערפיהרען צו אַנ־אָנגעהויערען פערנעהם. דורך 5 טעג דורכאַנאַנד אונטער'ן אויג פון דער פּאָליציייאישער מאַכט האָט מען געשלאָגען הילפסלאָזע מענשען אויף די גאַ־סען פון לעמבערג און אַנ'עפענטליכע ריכטונג, ווי די ענדעקעס, געהמט דערפאַר די פעראַנטוואָרט־ליכקייט, אין דער יודישער פראַגע געפינט זיך די רעגירונג אונטער'ן ענדעקישען איינפלוס און האָט נישט קיין מוט דרייסט אַרויסצוטרעטען. דאָס האָט געדויערט דורך 5 טעג.

די ענדעקעס מיינען, אַז ס'וועט זיך זיי דאָס איינגעבען צו בעהאַלטען אין די 4 ווענד און מען וועט זיך וועגען דעם נישט דערוויסען אין אויס־לאַנד, אין פערטען טאָג פון די עקסצעסען איז אין לעמבערג קאָנפיסקירט געוואָרען אַ נאָכדרוק פון דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ“, וואָס פערורטיילט די עקסצעסען.

די רעגירונג דאַרף ווייזען אין דער יודישער פראַגע אַ קלאָרען פּרצוף, כדי די בעפעלקערונג זאָל וויסען, אַז זי וועט בעשיצט ווערען בעת אַ שענדליכען אָנפאַל מצד פון אַ ריכטונג, וועלכע האָט אַספּיראַציעס איבערצונעהמען די רעגירונג אין פּוילען.

וויצע מאַרשאַלעק פּאָלאַקעוויטש (אויף מיינע הענד וועלען פריהער אַרויסוואַקסען האָהר).

דעפּ. קאַרנעצקי (נ. ד.), ס'וועלען וואַקסען. מיט דעם איז די שבתדיגע זיצונג פערענדיגט געוואָרען.

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 216-90
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע. אַלע אַרט אַנאַליזען, עלעקטראָטעראַפּיע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
נעמט אָן פון 8–2 און פון 5– 9 אָוונד.
בעזונדער וואַרטע-צימער פאַר פרויען.

„PAW“ דערמאהנט!
וואס פעהלט נאך אויף דעם ווייהנאכטס-טיש?

מיר האבען ערמעגליכט דער נ. קונדשאפט ביי די מינימאל-סטע מיטלען אויסצוועהלען זיך אנ'ענטשפרעכענד ווייה נאכט-געשאנק, וואס וועט זיכער פערשאפען א סך פרייד און פערגעניגען.

צו פאבריקס-פרייזען קען מען בעקומען די אויסארבייטונגען פון דער מארקע „PAW“ אויך אין די פירמעס:

MARJAN LEWKOWICZ, Piotrkowska 46
B. LISSNER „ 94
„Świat Pończoch“ J. KANTOROWICZ, Piotrkowska 116

„PAW“
Salon Sprzedaży Detalicznej
Piotrkowska 154
Tel. 141-86

Oto jedno z damskich praw
Noś bieliznę marki „PAW“

ברעסלויער אוניווערזיטעט ווידער געשלאסן

צוליב די היטלעריסטישע אנפאלען אויפ'ן יוד. פראפ. קאן

ב ע ר ל י ן, 17. (יט"א טעלעגראפיש)

די ברעסלויער אוניווערזיטעט איז ווידער געשלאסן געוואָרען צוליב די היטלעריסטישע אָנפאלען אויפ'ן יודישען פראָפעסאָר קאָן.

נאך א נאטע פון פוילען צו אמעריקא

וואַרשא, 17 (טעל.)

ביז שפעט אין אָוונד קומט פאָר א זיצונג פון מיניסטאָרען-ראט וועגען דעם ענטפער צו אמעריקא אויף דעם אָנזאָג צו פראָלאָנגירען די דעצעמבער-ראטע.

אנגעהויבען זיך דער שטאנד-געריכט

איבער די אנפאלער אויף דער פאסט אין גרודעק

לעמבערג, 17 (טעל.)

היינט 9 פרי האָט זיך אין לעמבערג אָנגעהויבען דער שטאַנד-געריכט איבער פיר פערזאָנען, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין אדורכפיהרען דעם אָנפאַל אויף דער פאָסט אין גרודעק. דער אינטערעס צום פראָצעס איז גוואלדיג גרויס, דער אריינטריט איז אָבער בעגרעניצט; ס'זענען ארויסגעגעבען געוואָרען בלויז 150 איינטריט-קארטען פאר זשורנאליסטען און יוסטיץ-בעאמטע, אדוואָקאטען א. ד. גל.

אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק זיצען: דאַנילישין, 24 י. א. פון טרוסקאוויעץ, וואַסיל בילאַס, 21 י.אַ. פון טרוסקאַוויעץ, זענאָן קאָסאַק פון דראָהאָביטש און מאריאן זשורקאָווסקי פון דראָהאָביטש. אלע האָבען זיי זיי נעהערט לויט דער בעשילדיגונג צו דער אוקראאינישער מיליטער-אָרגאַניזאציע און ווי די אויספאָרשונג פערזיכערט האָבען וואַסיל בילאַס און דאַנילישין דערמאָרדעט האָלובקא'ן.

אין דעם אָנפאל אין גרודעק האָבען זיך בעטייליגט 11 פערזאָן. אין מאָמענט פון אָנפאל איז אין דער קאסע פון פאָסט-אמט געווען 50 טויזענד זל. זיי האָבען צוגערויבט בלויז 3300. די וועלביגע האָבען גענומען אָנטייל אין דערמאָרדען צוויי פּאָליציאנטען אין גלינא-נאוואביא. 2 פון זיי — בילאָס און דאנילישין — זענען פערהאַלטען געוואָרען אויפ'ן אָרט. קאפריס איז פערהאַלטען געוואָרען אין אַבראשין. דער לעצטער שטעהט נישט פארן שטאנד געריכט.

אלע 4 בעשולדיגטע דראָהט טויט-שטראָף.

איינער פון די אָנגעקלאָגטע דאנילישין האָט באלד ביים אָנהויב פון פראָצעס ערקלעהרט, אז ער וועט נישט געבען קיין שום ערקלערונגען. פון דער מינוט אז שווייגט ער און ענטפערט נישט אויף קיין שום פראגע פון געריכט.

דער פּראָצעס איז איבערגעריסען געוואָרע ביז מאָנטאָג.

סאוויעטישע דעלעגאציע פערלאזען גענף

ג ע נ ף, 17 (ספ. טעל.)

ליטווינאָוו צוזאמען מיט דער גאנצער סאָוויעטישער דעלעגאציע זענען ארויסגעפאָהרען קיין מאָסקווא. די אָפּפאָהרענדע דעלעגאציע האָבען בעגלייט די דעלעגאטען פון כינע און טערקיי.

די רעגירונג פון גען. שלייכער האט געצעהלטע טעג

זאגט היטלער אויף א פערזאמלונג

בערלין, 17 (ספ. טעל.)

אויף דער זיצונג פון דער פרייסישער היטלערישער פראקציע, האָט היטלער געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האָט אטאקירט דאָס פראָגראם פון שלייכערס רעגירונג. היטלער האָט געזאָגט, אז די טעג פון שלייכערס רעגירונג זענען געצעהלטע. היטלער האָט אויך אָפּגעלייקענט די ידיעות וועגען א שפאלטונג אין דער היטלערישער פארטיי.

בייַ שמערצען און רייסען אין די געלענקען, רעוומאטיזם און פאדאגרע

און ברעכען און די ביינער ווירקען די טאגאל-טאבלעטקיס שנעל און זיכער. טאגאַל שטילט נישט נאָר די שמערצען, איז אויך עוקר מן השורש די קראנקהייט. אומשעדליך פאַר'ן האַרץ, מאָגען און אַנדערע אָרגאנען. פּרובט נאָך היינט אליין אויס, פערלאַנגט אָבער תמיד טאגאל. אין אַלע אפטייקען פּרייז 2 זלאָטעס. רעג.-גר. 1364.

קאַמעראל- און קליינקונסט-טעאַטער „אראראט"

קינסטל. אָנפיהרונג: משה בראָדערזאָן. אַלעע 1-טער מאַי 2.

היינט, זונטאג — 2 פארשטעלונגען: 7.45 און 10 אָוונט

אין פינטשעוו טאגט שוין

פ ר אָ ג ר אַ ם: 1) פראָלאָג; 2) ווי אַזוי געהט דער ניגון; 3) א זיס לעבען; 4) דער הון פון באנאפאל; 5) טאנגא; 6) קינדער-שפיל; 7) גראָקצן-געקלאנג; 8) וקבצנו יחד... 9) טאָנץ; 10) פאַרטענצערין; 11) ביים פארקאָן; 12) כל-בו-באָיס; 13) צרות פון יאָ-יאָ (מאָנאָלאָג); 14) אָפּגעשפילט א טעאַטער; 15) אין פינטשעוו טאָגט שוין... (פינאַל)

טעקסטן: משה בראָדערזאָן, י. אבערזשאנעק, מונקעלער, לוסטיגער פעסימיסט. מוזיק—קאָפּעלמייסטער: דוד בייגעלמאַן. דעקאָראַציעס: דינה מאַטוס און א. הענדלער. קינסטל. טאַנץ-קאָמפּאָזיציעס. [illegible]: ר' אָנס. פון דוד בייגעלמאַן.

די אקטועלסטע ארץ-ישראל-פראגען

פרעסע-קאנפערענץ פון דער עקזעקוטיווע פון דער יודישער אגענץ

ירושלים (יט"א) אויף דער פרעסע-קאָנפערענץ אין דער אַגענץ־עקזעקוטיווע, וועלכע וועלכער עס איז שוין געווען מיטגעטיילט, האָט ד"ר חיים אַרלאָזאָראָוו, דער פּאָליטישער לייטער פון דער ירושלים'ער עקזעקוטיווע, ערקלערט צוו. צ.ג.ד.:

איך וויל מיך קודם כל אָבשטעלען אויף דער ערקלערונג פון הויך־קאָמיסאַר פאַר דער מאַנדאַט־קאָמיסיע, אין משך פון וועלכער ער האָט געזאָגט: „די אויפטוען פון דער א"י־רעגירונג אין דער ענטוויקלונג פון לאַנד ווערען אויף אַן ערנסטען אופן פערהאַלטען דורך דעם, וואָס כמעט א דריטעל פון איהרע הכנסות ווערען אויסגעגעבען אויף פערטיידיגונגס־ און פּאָליציי־אישע־קרעפטען". א ווייטיגער מעניש בעקומט דעם איינדרוק, אז די בעסטע וואונשען פון דער רעגירונג אויף די געביטען פון ערציהונג, געזונדהייטס־וועזען, עפענטליכע אַרבייטען א. אַז. וו. שטויסען זיך אָן אויף א שטערונג, וואָס לאָזט נישט דער רעגירונג פערווירקליכען איהרע פּאָזיטיווע פּלענער. א ווייטיגער מעניש וועט מוזען קאָמענטירען די דאָזיגע ערקלערונג אין דעם זין, אַז דער ציוניסטישער „פּלאַנטער" איז עס די סיבה, אין וועלכער עס שטעקט די דאָזיגע שטערונג, מחמת פון דעם יודישען אויפבוי־ווערק פליסט די ספּעציעלע נויטווענדיגקייט צו האַלטען אין לאַנד שטאַרקע בעוואָפענטע קרעפטען. עס דאַרף אַלזאָ הייסען, אַז דאָס יודישע אויפבוי־ווערק איז עס דער פאַקטאָר, וואָס בעדרויבט די איינוואוינער פון יענע נוצען, וועלכע זיי וואָלטען געהאַט אין אַנדערע בעדינגונגען.

עס וואָלט מחמת דעם געווען בדאי צו בעטראַכטען דעם מצב־הענינים אין די שכנות'דיגע מאַנדאַט־לענדער, איראַק און סיריען, וואו עס איז בישטא קיין ציוניסטישער „פּלאַנטער", קיין באַלפור־דעקלאַראַציע און קיין יודישע עליה, אָבער אויך נישט קיין קאַפּיטאַלען־צושטראָם און קיין ענערגישע ווירטשאַפטליכע טעטיגקייט פון עולים. ווי זעהען דאָרט אויס די לייסטונגען פון די רעגירונגען אויף די געביטען פון קאָנסטרוקטיווער טעטיגקייט?

ד"ר אַרלאָזאָראָוו געהט דאַן איבער צו דער פראַגע פון לעגיסלאַטיוו־ראַט און זאָגט צוו. צ.ג.ד.:

ווען מען האָט מיר מיט א יאָהר צוריק אין דער אַספּת־הנבחרים געפרעגט, צי די פראַגע וועגען ראַט איז לויט מיין מיינונג אַקטועל, האָב איך געענטפערט: „אויב מיט דער פראַגע איז געמיינט, צי דער ענין איז אַקטועל אויף דער נאָהענטער צוקונפט, איז מיין תשובה אַ נעגאַטיווע. איך וויל אָבער דערמיט נישט זאָגען, אַז די פראַגע איז אַראָפּגענומען פון טאָג־אָרדנונג. זי בלייבט אַקטועל, אַזוי צו זאָגען, אונטער דער אויבערפלאַך און וועט בלייבען אַקטועל כל זמן מען וועט פאַר איהר נישט געפינען קיין מעגליכע לעזונג. זי איז אין אונזער עפּאָכע [illegible] לעבען פיל מאָל אויפגעשוואומען, גוטע מענשען האָבען פון איהר שוין פיל מאָל געשלאָגען פּאָליטישען קאַפּיטאַל — און זי וועט נאָך ווייטער אויפשווימען".

אַרום דער ערקלערונג פון הויך־קאָמיסאַר איז געווען זענען אין דער יודישער פּרעסע ערשינען אין פערשידענע פּאָרמען ידיעות, האָט זענען דאָס רוב געוואָגטע פון פינגער און שטיצען זיך אויף פאַלשע קלאַנגען. דאָס בעציהט זיך קודם כל צו די קאָמענטאַרען און השערות אַרום דער שטעלונג פון דער יודישער אַגענץ צו דער פּאַרלאַמענט־פראַגע.

מען האָט דערצעהלט, אַז די אַגענץ האָט מיטגעטיילט דער רעגירונג, אַז זי וועט זיך נישט געגענשטעלען דעם פּאַרלאַמענטס - פּראָיעקט, אָדער אויב זי וועט זיך געגענשטעלען, וועט זי נישט קעמפען געגען איהם. די דאָזיגע ידיעה איז כולו שקר.

מען האָט געזאָגט, אַז דער הויך־קאָמיסאַר האָט, מאַכענדיג זיין ערקלערונג אין זשענעווע, זיך געקענט שטיצען אויף אַ צוזאָג, וועלכען איך זאָל איהם כלומרשט האָבען געגעבען. דאָס איז אַ שקר־בלבול.

מען האָט פערשפּרייט אַ ידיעה, אַז די אַגענץ־עקזעקוטיווע האָט בעקומען צו בעהאַנדלען אַ פּראָיעקט וועגען דעם לעגיסלאַטיוו־ראַט און אַז זי פערבעהאַלט זיך איצט דערמיט. דאָס איז אַן אויסטראַכטעניש פון אָנהויב ביז'ן סוף.

מען האָט נאָך מיטגעטיילט, אַז די רעגירונג זאָל כלומרשט בעטראַכטען די נעמען פון יודישע קאַנדידאַטען צום לעגיסלאַטיוו־ראַט. די דאָזיגע ידיעה האָט געדאַרפט אַרויסרופען אַנטיפּאַטיע צו די „קאַנדידאַטען" און פערשטאַרקען די צוטומלעניש אין דער עפענטליכקייט. דאָס איז דער פּראָדוקט פון אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז כלל נישט נאיוו.

דאָס איז אַלץ אַ טייל פון דער אָרגאַניזירטער העץ־קאַמפּאַניע געגען דער עקזעקוטיווע אָדער איהרע מיטגלידער. די עקזעקוטיווע שרעקט זיך אָבער נישט פאַר שקרים און בלבולים אַלס מיטעל פון אינעווייניג־פּאָליטישען קאַמף טאַקע דערפאַר, כדי פאַר די מלשינים זאָל נישט זיין קיין תקוה.

איך געה נישט אַריין אין דער דאָזיגער אינערליכער פּאָלעמיק. איך ווייס, אַז עס זענען דאָ מענשען און גרופּען אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, וואָס יעדע פּאָליטישע צרה אין ציוניזם איז וואַסער אויף זייער מיהל, זיי זענען גרייט אויפצוגעבען צו ווערען פון יעדער מעגליכער פּאַניק און וואָס קיין שום מיטעל איז פאַר זיי נישט גענוג מיאוס כדי נאָך אַביסעל אונטערצוגראָבען די פּאָזיציע פון דער ציוניסטישער לייטונג און נאָך אַביסעל אויפצוטרייסלען די איינהייט פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. אָבער צי ווייסען די דאָזיגע „פּאַטריאָטען", וועלכע שאַדען כלפי־חוץ זיי ברענגען מיט אַזאַ מין מלחמה [illegible]־פּנים?

איין גאָט ווייס, ווי וואָלט מען געקענט צורעכטמאַכען דעם שאָדען פון די רכילות־טרייבער, ווען מען וואָלט נישט געהאַט די זיכערקייט, אַז די רעגירונג קען מיט מעהר גענויקייט די שטעלונג פון דער יודישער פאָרשטעהערשאַפט ווי די פערשפּרייטער פון די פאַלשע קלאַנגען.

אין דער אמת'ן האָט די עקזעקוטיווע די גאַנצע צייט, זייט עס איז אויסגעשוואומען די פּאַרלאַמענטס־פראַגע, געהאַנדעלט מיט אַבסאָלוטער פּראָגראַם־וואַרטליכער טרייהייט צו די בעשלוסען פון די העכערע אינסטאַנצען פון אונזער בעוועגונג.

אין אויגוסט 1930 האָבען דער ציוניסטישער א. ק. און דער אדמיניסטראַטיוו־קאָמיטעט פון דער אַגענץ בעשלאָסען, דאָס אויב די פראַגע וועגען לעגיסלאַטיוו־ראַט וועט אויפשווימען, דאַרף זי איבערגעגעבען ווערען צו דער ענטשיידונג פון די העכערע אינסטאַנצען.

איך האַלט, אַז די רעגירונג שאַצט נישט אָפּ ווי ס'געהער צו זיין די שוועריגקייטען, וואָס ליגען אויפ'ן וועג צו דער רעאַליזירונג פון דעם זעלבסט־פערוואַלטונגען־געזעץ. דער פּראָיעקט געפינט זיך איצט אין די הענד פון דער יודישער אַגענץ, אַראַבישע עקזעקוטיווע און לאָקאַלע מוניציפּאַליטעטען, וואָס דאַרפען צושטעלען זייערע בעמערקונגען צום פּראָיעקט ביז'ן 1־טען יאַנואַר. שפּעטער וועט נאָך דער פּראָיעקט פערעפענטליכט ווערען אין אַמטליכען בלאַט פאַר די צוועקען פון אַן עפענטליכען מיינונגען־אויסטויש. איך בין זיכער, אַז עס וועט דורכגעהען נישט ווייניג צייט ביז דער דאָזיגער פּראָצעס וועט ציִען ביז'ן סוף. אָבער עס איז נאָך א ווייטער מהלך פון דער צייט, וואָס דער געזעץ וועט אַריין אין קראַפט ביז עס וועלען בעשטימט ווערען די מוניציפּאַליטעט־וואַהלען און עס איז נאָך א גרויסער ספק, צי דעמאָלט וועלען שוין די שטאָט־ראַטען זיין אין אַן אָרגאַניזירטען צושטאַנד. אָבער אָפּגעזעהען פון דער צייט־פראַגע דאַרף מען פאָרזעהען, אַז דאָס קומענדע יאָהר וועט די עפענטליכע אויפמערקזאַמקייט אין אַ בעדייטענדער מאָס זיין קאָנצענטרירט אַרום דעם דאָזיגען געזעץ־פּראָיעקט, וועלכען מיר וועלען נישט בעליידיגען, אויב מיר וועלען זאָגען, אַז ער איז אַ רעאַקציאָנערער, אַ געזעץ־פּראָיעקט, וואָס שטעהט אין אַ בולט'ער סתירה צו אַלע למראית־עין־פּראָגרעסיווע און ליבעראַלע אַרגומענטען, וואָס ווערען געבראַכט צו דער בעגרינדונג פון דעם פּראָיעקט וועגען אַ לעגיסלאַטיוו ראַט, וואָס לגבי איהם דאַרף עס דאָס מוניציפּאַליטעטען־געזעץ זיין אַ צוגרייטונגס־עטאַפּ. לויט דעם פּראָיעקט דאַרפען די קאָמפּעטענצען פון די שטאָט־ראַטען לפי ערך נישט ווייט איבערטרעטען די גרענעץ פון אַזעלכע אויפגאַבען, ווי פערריכטען די גאַסען־בריקען און בעזייטיגען פּגרים פון די גאַסען. עס איז אין איהם נישטאָ אפילו קיין סימן פון מאָדערנער מוניציפּאַל־פּאָליטיק אויף די געביטען פון ווירטשאַפטליכער און סאָציאַלער טעטיגקייט.

(סוף מאָרגען).

קינאָ „ראַקעטאַ" שענקעוויטשאַ 40.

צו דער יודישער בעפעלקערונג אין לאדז!

כדי צו געבען אַ מעגליכקייט די גאַנצע היגע יודישע בעפעלקערונג צו זעהען דעם

100-פּראָצענטיגען העברעאישען קלאַנג-פילם

דאס נייע ארץ-ישראל

און ווּיסענדיג, אַז דער גרעסטער טייל קען גיין אין קינאָ נאָר פון 8 אָוונד, איז דער פילם

„דאס נייע ארץ-ישראל"

איבערגעטראָגען געוואָרען

אין קינא „ראַקעטאַ" שענקעוויטשאַ 40

וואו עס וועט דעמאָנסטרירט ווערען

טעגליך

פון 12 פריה ביז 12 אוונד

לאָדז. 18 דעצעמבער 1932

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז. 18 דעצעמבער 1982

ווען דער סעזאָן האָט זיך געענדיגט

אַזוי ווי איטליכער אָנהויב מוז דאָך, לכל-הפחות נאָך אונזערע מענשליכע השגות, האָבען זיין סוף, איז געקומען אַ סוף אויך צו דעם הייאָהריגען סעזאָן-פּאָגראָם פון די ענדעקעס אין פּוילען, יעדעס יאָהר האָט דער פּאָגראָם זיין הויפּט-צענטער: פּראָיאָהרען, למשל, איז דאָס געוועזען ווילנע, הייאָהר — לעמבערג, אין דעם הויפּט-צענטער גיט זיך דער פּאָגראָם איין נאָך אַלע דינים פון דער ערלאָזער ענדעציע. אין אַלע איבעריגע ערטער איז דער פּאָגראָם גאָר אַזוי צו זאָגען אַ מאַניפעסטאַציע-פּאָגראָם: גיט ער זיך גרינג איין, איז גוט; טרעט די פּאָליציי ענערגיש אַנקעגען, צולויפט מען זיך בעצייטענט און מען שרייבט ערלאָזע אַרטיקלען: „די רעגירונג פון מאַרשאַל פּילסודסקי גייט אינאיינעם מיט די יודען געגען דעם אָרימען פּוילישען המון נעבעך!.."

דאָ קריכט אַרויס דער אַל פון זאַק: מען וויל „אָראָפּוואַרפען" דעם מאַרשאַל פּילסודסקי און פערכאַפּען די מאַכט אין די אויספּרובירט-ווילדע ענדעקישע הענד. דעריבער.. דעריבער מאַכט מען פּאָגראָמען אויף יודען, צווינגענדיג די רעגירונג איינצושטעלען די אָרדענונג און צושלאָגען די אומשולדיגע אויסוואָרפען פון דער אונטערוועלט אין איינעם מיט זייערע שולדיגע חברים, די ענדעקישע פּריצים, וועלכע זענען, ווי בעוואוסט, האָנאָראָווע, אָבער אומערליכע מענשען!.. זיי רעאַגירען אויף בעליידיגונגען מיט „אַרויספאָדערונגען" צום דועל, צום „ערן"-געריכט און מיט די איבעריגע מיטעלאַלטערליכע קלאָפּערגעציינ... דערביי איז אָבער אַזוי ווייט אומערלעך און נידערטרעכטיג אַז מען שרעקט צו דערגרייכען דעם פּאָליטישען ציל דורך אָרגאַניזירען דעם „פּאָלקס-כעס" אָדער אָרגאַניזירען פּאָגראָמען אויף יודען, וועלכע זענען אין דעם גאַנצען ענין גאָט די נשמה שולדיג!... דעריבער מאַכען די ענדעקעס, ווען זיי רעדען וועגען ערליכקייט, דעם איינדרוק פון אַ זונה, וואָס רעדט מכוח טהרת-המשפּחה... דעריבער מאַכען די ענדעקישע האָטענטאָטען דעם אָפּשטויסענדיגסטען איינדרוק, ווען זיי רעדען מכוח קולטור! די אמת'ע קולטור האָט מיט דעם האָנאָראָווען „קאָדעקס" גאָרנישט צו טון. דער תמצית אָבער פון דער אמת'ער קולטור איז די מאָראַליטעט!..

אַזוי אַרום האָט זיך דער הייאָהריגער יודען-שלאָגערישער ספּאָרט-סעזאָן פון דער ענדעקישער כוליגאַנישער אַקאַדעמישער יוגענד סוף כל-סוף פערענדיגט.

איבעראָיאָהר, אי"ה, וועט זיך דער נאָוועמבער-יום-טוב פון דער ענדעקישער „קולטור" ווידער אָנהויבען. דערביי וועט דער פּאָגראָם-צענטער זיין דאָרטען, וואו די ענדעקעס מיט דעם שטאָטישען אויסוואורף וועלען מאַכען דעם „קדוש"...

פרעגט זיך אָבער: צי אַזוי פיהרט זיך אין אַ מלוכה, וואָס האָט, אפשר בעגרינדעטע, פּרעטענזיעס צו זיין אַ קולטורעלע מדינה פון דעם מערב-אייראָפּעאישען שניט? פאַרוואָס נעמט די רעגירונג נישט אָן מיטלען, וואָס זאָלען פערהיטען דעם אומגליק און די חרפה פאַר פּוילען פון אַ יודישען פּאָגראָם אַזוי, ווי זי טוט דאָס בנוגע צו אַלערליי פערברעכענס, וואו דאָס פערהיטען פון אַן עבירה איז אַ סך וויכטיגער, איידער די שטראָף פאַר אַ בעגאַנגענער עבירה?

איך פרעג אַלע יאָהר די רעגירונג: פאַרוואָס לאָזט זי פריי און פראַנק אָרגאַניזירען אַ פּאָגראָם אויף יודען, כדי דאַן ערשט זיך אַריינמישען און נישט לאָזען פערשפּרייטען דעם פּאָגראָם איבער דעם גאַנצען לאַנד? די רעגירונג פערפאָלגט דאָך אַזוי שטרענג דעם קאָמוניזם און מערקט דערביי נישט, אַז דער בעסטער מיטעל צו פערשפּרייטען דעם קאָמוניזם איז דער יודישער פּאָגראָם, מיט וועמענס הילף די נאַרישע ענדעקעס שלעפּען קאַשטאַנעס פון פייער פאַר — דעם קאָמוניזם?

פריהער האָבען די פּוילישע רעגירונגען אונטער דער השפּעה פון די נאַרישע גוזמאות, וועלכע די „בעריהמטע" דמאָווסקי'ס פּלעגען פערשפּרייטען צווישען פּאָליאַקען, — שטאַרק איבערשאַצט די בעדייטונג און דעם כוח פון יודען אין דער וועלט. איצטער ווייזט אויס, אַז די רעגירונג איז אַריינגעפאַלען אין אַ להיפוכדיגען טעות: זי מיינט, אַז מיט יודען אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען פאָרום איז בכלל נישטאָ, וואָס צו רעכענען זיך! דער אמת אָבער ליגט, ווי געוועהנליך, אין דעם גאָלדענעם מיטעל: אויסלענדישע יודען קענען זיין נוצליך אַלס פריינד און שעדליך אַלס שונאים פון פּוילען. מחמת די און אַנדערע טעמים מוז יעדע אַנשטענדיגע רעגירונג, און אַ רעגירונג פון מאַרשאַל פּילסודסקי בפרט, וואָס שאַרפער און וואָס ענטשלאָסענער בעקעמפען די ווילדע, דעמאָראַליזירענדע ענדעקישע דעמאַגאָגיע, בפרט אין דער פאָרם פון אַ יודישען פּאָגראָם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די בלום פון דער ענדעקישער „קולטור"!

און פערהיטען דעם פּאָגראָם איז אַזוי גרינג! מען דאַרף דערצו נישט האָבען קיין שום נייע געזעצען: די פערהאַנענע געזעצען זענען ער בלי די! ערשטענס, מוז אויפ'ן סמך פון געזעץ, וואָס פערווערט „צו העצען איין טייל בעפעלקערונג געגען צווייטען" — אַלע העץ-פּרובען אין דער פּרעסע און אין אַלע עפענטליכע אַרויסטרעטונגען בעשטראָפט ווערען אַזוי, אַז די ענדעקישע גאַסען-בלעטלעך, גאַסען-„פּראָפעסאָרען" און אַנדערע פּאָגראָם-ספּעציאַליסטען זאָלען נישט קענען ציהען זייער יניקה פון דער פּאָגראָם-אַגיטאַציע!..

צווייטענס, מוזען די בעזונדערע מלוכה'לעך, וואָס טראָגען דעם נאָמען פון פּוילישע הויכשולען און רעכענען זיך לגמרי נישט מיט די געזעצען, וואָס זענען מחייב אין פּוילען מחוץ די ווענט פון די הויכשולען, — פערלירען זייער אומאָפּהענגיגקייט און אומבערירליכקייט. עס מוז זיי גענומען ווערען דאָס רעכט פון פרייער פאָרשונג און פרייער מיינונג און — מעהר נישט! אַלע פּרובען פון איין סטודענטישער גרופּע צו פערגוואַלטיגען די רעכט פון אַ צווייטער מוז גלייך פון פלעק מיט דער גרעסטער שאַרפקייט דערשטיקט ווערען! דאָס וועט זיין פאַר די צוקונפטיגע מלוכה-בעאַמטע אַ לעקציע פון רעכטמעסיגקייט, וועלכע פערבלייבט אין זכרון פאַר פּוילען אַ בעווייז, אַז זי געהערט ווירקליך צו דער מערב-אייראָפּעאישער קולטור און גיט צו די האַלב-ווילדע רומעניען-אונגאַרן. און פאַר די רעקטאָרען, וואָס זוכען לייטזעליגקייט אין די אויגען פון זייערע סטודענטען — אַ גוטער בעווייז, אַז זיי גייען מיט זייער אַ גליטשיגען וועג!..

די רעגירונג, וואָס וועט אַזוי האַנדלען, וועט נישט נאָר נישט פערלירען די אַכטונג פון די תושבים פון לאַנד, נאָר, פערקעהרט: אַלע בירגער וועלען פערשטיין און דערפילען, אַז דאָס איז די פעסטע און רעכטמעסיגע רעגירונג, צו וועלכע מען קען האָבען אַכטונג און צוטרוי.

ווען עס ברעכט אויס אַ שריפה, פערשטייט זיך, אַז מען מוז זי תיכף און ענערגיש איינלעשען, אָבער נאָך בעסער איז, ווען מען כאַפּט די אונטערצינדער ביי דער אַרבייט און מען דערלאָזט נישט, עס זאָל קומען צו אַ שריפה...

ד"ר י. וויגאָדסקי.

10 יאָהר נאָכ'ן פערברעכען

דער צעהנטער יאָהרצייט נאָך דער ערמאָרדונג פון פּרעז. נאַרוטאָוויטש

ס'איז איצט געוואָרען 10 יאָהר פון זינט עס איז אומגעקומען פון אַ פערברעכערישער האַנד דער ערשטער פּרעזידענט פון דער פּוילישער רעפּובליק, אינזש. גאַבריעל נאַרוטאָוויטש. אַלע געדענקען נאָך יענע טרויעריגע און אונרוהיגע טעג. די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטען מיט דער ענדעציע בראש האָבען געהאַט ענטוויקעלט אַ שענדליכע אַגיטאַציע געגען דעם פּרעזידענט, וואָס איז געוועהלט געוואָרען מיט „יודישע שטימען". די ענדעקעס האָבען אַרויסגעפיהרט אויף דער גאַס זייערע חיילות, וועלכע האָבען זיך פון דעמאָלט אָן יאָהר איין יאָהר אויס אויסגעצייכענט אַלס מייסטער פון עקסצעסען געגען יודען. אויף אַנ'אונערהערטען אופן האָט די ענדעקישע יוגענד דעמאָנסטרירט געגען נאַרוטאָוויטשען אין טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען די פּרעזידענטען-שבועה פאַר דער נאַציאָנאַלער פערזאַמלונג. און דאַן האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אמת חיה'ש געיעג נאָך דעם ערשטען מאַן אין פּוילען, אַ געלעהרטען מיט אַ נישט בעפלעקטען נאָמען, וועלכער איז גוט געווען בעקאַנט אין אויסלאַנד אַלס גלענצענדער אינזשיניער. און דערנאָך איז געקומען דער טראַגישער פאַל פון דער העצע: דער שאָס פון עליגיוש ניעוויאַדאָמסקי, פון וועלכען נאַרוטאָוויטש איז אומגעקומען, אַ שאָס, וועלכער האָט בעדעקט אויף אייביג מיט שאַנד די מאָראַלישע שולדיגע פון דער העצע און האָט שיער דאַמאָלט נישט דערפיהרט צו אַ בירגער-קריג אין פּוילען. די פּוילישע פּרעסע ווידמעט פיל אָרט יענע טרויעריגע געשעהענישען. עס ווערען געבראַכט אַרטיקלען, זכרונות א. א. אין אַנ'אַרטיקעל „דער טראַגישער יאָהרצייט" שרייבט דער „ראָבאָטניק":

דער גרויל האָט זיך פעראייניגט מיט דעם בעוואוסטזיין, אַז דאָס פערברעכען איז נישט געווען בלויז די טאַט פון אַ יחיד, נאָר אַ בלוטיגע קרוינונג פון די ענדעקישע אַוואַנטורעס, וואָס האָבען שוין געדויערט זייט עטליכע טעג. דעם עלפטען דעצעמבער איז דער המון בעפאַלען די נאַציאָנאַלע פערזאַמלונג, וואו דער פּרעזידענט האָט געזאָלט בעלעגען די שבועה. מ'איז בעפאַלען און געשלאָגען אַ רייהע דעפּוטאַטען (צוו. אנד. באָלעסלאַוו לימאַנאָווסקי'ן!) מ'האָט בעוואָרפען מיט שניי דעם פּרעזידענט נאַרוטאָוויטש גופא. אויפ'ן פּלאַץ טשעך קשיושקי האָט מען דער'הרג'עט איינעם פון אונזערע חברים און פיל האָט מען פערוואונדעט. מ'האָט געפּרובט מאַכען אַנ'אָנפאַל אויף דער רעדאַקציע פון „ראָבאָטניק".

די פּאָליציי האָט זיך פערהאַלטען פּאַסיוו און אין פיל פעלען האָט זי זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אָנפאַלער. ווען אָבער די אַוואַנטורעס האָבען נישט דערגרייכט דעם ציל, ווייל די נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג איז פאָרגעקומען און דער פּרעזידענט האָט בעלעגט די שבועה, האָט די ענדעקישע פּרעסע אויפגעהויבען אַ ווילדע העץ-קאַמפּאַניע געגען פּרעזידענט, וועלכער האָט אין עטליכע טעג אַרום בעצאָהלט מיט זיין לעבען.

מיט שמערץ האָט אַרומגענומען אַלע דער טויט פון איידעלען מענש, פון גרויסען געלעהרטען אין אייראָפּעאישען מאַסשטאַב, פון הייסען פּאַטריאָט. נאָך איצט, נאָך 10 יאָהר לעבט אויף אין דער ערינערונג פון יענע דעצעמבער-טעג דאָס געפיהל פון אומעט, פון שאַנדע און פון עמפּערונג.

דער „ראָבאָטניק" פרעגט דאַן ווייטער, ווי עס שטעלט זיך די זאַך פאַר איצט, 10 יאָהר נאָך דער ערמאָרדונג פון נאַרוטאָוויטשען און 7 יאָהר נאָך דער מאַי-איבערקעהרעניש. צי האָט מען די ענדעציע ליקווידירט? הויבט זיך נישט אָן. די לעצטע וואַהלען פון פאַר 2 יאָהר צוריק, האָבען בעוויזען, אַז די ענדעציע האָט אין דער געזעלשאַפט זעהר גרויסע איינפלוסען און די יעהרליכע אַנטיסעמיטישע אַוואַנטורעס זאָגען עדות, אַז די סאַנאַציע האָט נישט בעוויזען צו בעהערשען די סטודענטישע סטיכיע און נישט אויסצוראָטען די אַנטיסעמיטישע שטימונגען.

די צייטונג פּרובט בעווייזען, אַז דער מערדער פון נאַרוטאָוויטשען וואָלט זיך איצט געפינען אין לאַגער פון דער סאַנאַציע. ניעוויאַדאָמסקי האָט געשריבען, זיצענדיג אין טורמע, אַז די שולד פון פּילסודסקי'ן בעשטעהט דערין, וואָס נאָכ'ן אָפּגעבען די זעלבסטשטענדיגקייט האָט ער צוגעריסען דעם סיים. אָט דער פאָרוואורף איז נאָך דער מאַי-איבערקעהרעניש אַריין אין עלעמענטאַר-בוך פון דער סאַנאַציע. ניעוויאַדאָמסקי איז זיך אַליין אַ-דעאיש צונויפגעגאַנגען מיט די אָנשויאונגען פון דער סאַנאַציע...

דאָס פּראָגראַם איז זעהר בעשיידען

פּרעסע-שטימען וועגען דער פּראָגראַם-רעדע פון פּרעמיער פּריסטאָר

וואָס איז דאָס אַזוינס אַ פּראָגראַם? פרעגט די „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ", דער אָרגאַן פון רעגירונגס-לאַגער, אַרומרעדענדיג די עקספּאָזע, וועלכע פּרעמיער פּריסטאָר האָט געהאַלטען אין סענאַט.

מאַנכע מיינען, אַז אַ פּראָגראַם דאָס איז אַ שטיק פּאַפּיר, אין וועלכען עס זענען אויפגעשריבען פערשידענערליי איינפאַלען, פּאָסטולאַטען און אוטאָפּיעס. עס איז אָבער נישטאָ קיין פּראָגראַם, וואָס זאָל קענען אַלצדינג פאָראויסזעהען און אויף אַלצדינג געבען אַ פערטיגע לעזונג.

דאָס בלאַט פון דער סאַנאַציע וואַרפט פאָר דער אָפּאָזיציע, אַז פאָדערנדיג פון דער רעגירונג אַ פּראָגראַם, מיידט זי אַליין אויס וועלכע עס איז נישט דעקלאַראַציע וועגען איהר אייגענער גענעראַל-ליניע.

„די רעדע פון פּרעמיער פּריסטאָר, שרייבט די צייטונג, איז אַ פּראָגראַם אין ווירקליכסטען זין פון וואָרט. זי גיט אַ קלאָרען בליק אויף דער ווירקליכקייט, זי ווייזט בולט אָן די ריכטונגען אין וועלכע מען דאַרף געהן. זי צייכענט אָן די גרעניצען וועלכע מען טאָר נישט איבערטרעטען. ענדליך גיט זי יעדען אין דער האַנד אַ מאָס, מיט וועלכער מען קען מעסטען דעם ווערט פון יעדער ווירטשאַפטליכער פעראָרדנונג, אָפּשאַצען איהר צוועקמעסיגקייט אָדער שעדליכקייט. פערגלייכענדיג די רעדע פון פּוילישען פּרעמיער מיט ענליכע אַרויסטרעטונגען פון אויסלענדישע מלוכה-מענער, געפינט איין די צייטונג, אַז קיינער האָט נישט געזאָגט אַזעלכע איינפאַכע ווערטער, האָט נישט אויסגעדריקט זיינע אָנשויאונגען אַזוי דורכזיכטיג, האָט נישט אַזוי דרייסט און רוהיג אומעטום געשטעלט דעם טראָפּ.

נאַטירליך, איז ווייט נישט אַזוי ענטציקט פון פּרעמיערס רעדע די אָפּאָזיציאָנעלע פּרעסע.

„דאָס פּראָגראַם פון פּרעמיער, שרייבט די ענדעקישע „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" איז זעהר בעשיידען: סטאַבילקייט פון דער וואַלוטע, גלייכגעוויכט פון בודזשעט, הנחות פאַר דער לאַנדווירטשאַפט, רעדוקציע פון די קאַרטעלען-פּרייזען — אָט דאָס איז אַלץ. אויף וואָס פאַר אַ גרונד רופט אָן דער פּרעמיער און דער גאַנצער רעגירונג-לאַגער גלייכגעוויכטיג אַ בודזשעט, וועלכער ברענגט זייט דריי יאָהר אַ דעפיציט, וועלכער האָט פאַר זיבען חדשים פון לויפענדען יאָהר געגעבען העכער 200 מיליאָן דעפיציט און דערביי זענען אויסגעשעפּט געוואָרען, ווי דאָס איז צו זעהען פון דער נאָטע צו די פעראייניגטע שטאַטען, אַלע פליסיגע רעזערווען, — דאָס איז אַ רעטעניש, ווי מיט יענעם הערינג, וועלכער הענגט אויף אַ בוים, איז גרין און זינגט.

דאָס ענדעקישע בלאַט איראָניזירט איבער דער פערזיכערונג פון פּרעמיער מכוח רוה און צוטרוי אין ווירטשאַפט און לעבען. דאָס זענען זאַכען, וועלכע זענען אָנגעלאַנגט נישט בלויז פון דער דעציזיע פון דער רעגירונג. מ'קען נישט מיט דער דאָזיגער מיינונג נישט זיין איינשטימיג. די פּעריאָדישע אַוואַנטורעס פון דער ענדעקישער יוגענד זענען אָנגעלאַנגט פון דער דעציזיע, נישט בלויז פון דער רעגירונג, נאָר פון גאָר אַנדערע אינסטאַנצען.

דער „ראָבאָטניק" האַלט, אַז דאָס פּראָגראַם פון הער פּריסטאָר האָט צוויי בולטע פּנים'ער:

דאָס איז נישט קיין שום פּראָגראַם, ווי אַזוי אַרויסצוגעהן פון דעם איצטיגען קריזיס. אָבער דאָס איז אַ פּראָגראַם, ווי אַזוי פאַר יעדען פּרייז צו ראַטעווען די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט די זעלבע ווירטשאַפט, וועלכע געהט דורך, לויט די ווערטער פון ה' פּריסטאָר, אַ קריזיס, וואָס אַזעלכער איז נאָך אין דער געשיכטע נישט געווען.

אין וואָס אַליין בעשטעהען די מיטלען, וועלכע דער פּרעמיער לעגט פאָר אין קאַמף געגען קריזיס?

די לאַנדווירטשאַפט מאַכט דורך אַ שווערען קריזיס צוליב דעם געוואַלדיגען פאַלען פון די פּרייזען פון די אַגראַר-פּראָדוקטען. די רעגירונג מוז אַליין קומען צו הילף דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס זי טוט אויך. וועגען אַגראַר-רעפאָרם האָט דער פּרעמיער נישט דערמאָנט קיין וואָרט. צו הילף דער לאַנדווירטשאַפט דאַרף קומען די אינדוסטריע, דורך פערקלענערן די פּרייזען. דערפאַר ערטיילט די רעגירונג פערשידענע פערלייכטערונגען דער אינדוסטריע. און אויב דאָס איז נאָך ווייניג ברענגט ה' פּריסטאָר פאַר אַ קרבן דער אינדוסטריע די סאָציאַלע פערזיכערונגען פון די אַרבייטער.

„אָבער ווער, אום גאָטעס ווילען, פרעגט די צייטונג, וועט קומען צו הילף דעם אַרבייטער-קלאַס? פון וואַנען וועט אָט דער אַרבייטער-קלאַס שעפּען מיטלען און כוחות צו העלפען דער לאַנדווירטשאַפט און דער אינדוסטריע? אויף דער דאָזיגער פראַגע האָט ה' פּריסטאָר נישט געענטפערט."

Dr. Z. RAKOWSKI

ספּעציאַליסט פאַר

אויערען, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייטען

11 ליסטאָפּאַד 9 (קאָנסטאַנטינער)

טעל. 127-81

שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7

נעמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 11—2,

און כעלמי פון 8—9 פריה.

יודען אין שטראסבורג

(וועג-בלעטלער).

פון ל. מלאר.

דער ערשטער אנקום קיין שטראסבורג שניידט זיך איין אין זכרון, בחינם זוכט מען די ענהליכ־קייט צו אנדערע פראנצויזישע שטעט. אין שטראס־בורג רעדט מען דייטש.

שטראסבורג איז אלט. נאר קיין שום אלטע שטאט האט נישט אזוי צוגעשמידט מיין אויג צו זיך, ווי שטראסבורג. עפעס אזוי גלעטעדיג איז דער פרך, אזוי פיל ווייכקייט און פארביגקייט, סטיל און כאראקטער. ווי שטראסבורג האט, האבען עס ווייניג שטעט אין דער וועלט.

שטראסבורג איז ניי, יונג און פריש, ממש ווי אויפגעקומענע אמעריקאנער שטעט, די נייע שטאט טיילען האבען זיך אויסגעברייטערט, זיך א ביסעל צו־רוקט פון אלטען צענטער און געשאפען צענטערען פאר זיך, ארויסגערוקט, נאר נישט אפגעטיילט זיך, זיך צונויפגעגאסען און בעהאפטען מיט דער „אלטער שטאט", עפעס אין א שטארקע הארמאניע זיך צו־נויפגעבונדען, — די ברייטע, ליכטיגע, מאדערנע טעראסעס און בולווארען מיט די אלטע, ענגע דאר־פעלט-גאסען אין זייער שפיציגען גאטישען סטיל.

איך שפאציר איבער שטראסבורג, ווי מיינע בליקען וואלטען געלאפען איבער אן אינטערעסאנט, גאר אינטערעסאנט פאנטאסטיש מעשהלע.

איך מאך זיך נישט קיין אויסנאהם. איך גיי זעהען „דאס וואונדער" פון ארכיטעקטור דא, וואו־הין עס ציהען די טויזענדער טוריסטען יאהר־יעהר־ליך פון אלע וועלט־טיילען — דער מינסטער, די וועלט־בעריהמטע קאטעדראלע, איהר געבוי רייסט אויף די אויגען פון דער שטאט און אויף מיילען־ווייט ארום הייבט זיך ארויס איהר טורעם, שפי־זעלט מיט איהר גאטישען שפיץ אין די וואלקענס אריין. דערציילט פון אן אומגעהייערע מאכט, פון וועלט־הערשאפט וואס שפרייט זיך פון וואטיקאן, זעהער קליגע פון דעם רייזיגען מעכאניזם — די גלאק־קען־שטובען, זאגט איהר מאכט, איהר ממשלה אי בער מיליאנען.

דאס פאלק וויל האבען אז דער קאטעדראל שטייט אויף... וואסער, דער ריזיגער בנין, מיט

וויינע פליגעל־בנינים, וואס פערנעהמט גאנצע גא סען, שטייט גאר אויף פשוטע שיפען, שווימענדיגע פונדאמענטען.

נאר דאס געהערט מסתמא צו א סאך איבערע־דיגענישען צו די מעשיות וואס מען דערציילט יוע־גען דעם קאלאסאלען ווערק — די קירכע געביידע.

ווייטער ציהט דער פלאץ, דער שטאלץ פון שטראסבורג, און דאס ליכט פון דער וועלטליכער ציוויליזאציע דער גוטענבערג־דענקמאל, שטראסבורג איז שטאלץ מיט זייער לאנדסמאן דעם דערפינ־דער פון דער שריפט און דרוק־קונסט.

די יוגענד איז דאס פראבלעם פון די עלזאס־סישע נאציאנאליסטען. דאכט זיך, אז פראנקרייך גיט פולשטענדיגע נאציאנאלע קולטורעלע אויטא־נאמיע. נישט נאר וואס זי שטערט נישט די ענט וויקלונג נאר העלפט נאך אונטער און שטיצט די בעוועגונג. און דאך איז די יוגענד געצויגען צו פראנקרייך. דורך די שטענדיגע פערמאכטע שפא־רעס האט זיך דאס לייכטע שפילעוודיגע פאריזער לעבען אריינגעגאסען, פערכאפט דעם אטעם פון יונגוואַרג. פראנקרייך! פאריז! א וועלט וויגט זיך אין דעם סאלאן־טאנץ, די סענטימענטאלע לידלעך און שוימענדיג לעבען האט זיך אהער געגאסען.

זאלען די אלטע לעבען מיט זייערע חלומות פון אומאפהענגיגקייט, זיי ווילען זיין א טייל פון גרויסען פראנקרייך, דאס וואס פאריז צינדט־אן זייער פאנטאזיע מיט דעם רייצענדיגסטען ליכט!

דאס היינטיגע יודישע לעבען אין שטראסבורג אונטערשיידט זיך נאטירליך גאנץ שטארק פון דעם אמאליגען שטראסבורג האט א ריינגעשריבען א

עטליכע בלוטיגע קאפיטלען אין דער יודישער גע־שיכטע דא שטייט נאך די בראנד גאס וואו עס זענען מחנותוויז אנגעטריבען געוואָרען יודען און מ'האט זיי לעבעדיגערהייט פערברענט.

איצט איז עס אנדערש, יודען ברענען זיך אין אייגענעם עול, און אין דער שווערקייט פון טאג־טעגליכער דאגה: דאגה וועגען ברויט און א דאך איבער די קעפ. אהער איז מען געלאפען בעת דער מלחמה. און נאך מעהר נאך דער מלחמה. יודען פון פוילען און גאליציען האבען שטראסבורג פאר זיי־ער נייעם מקום־מנוחה געמאכט. קיין סטאביל — קייט איז צווישען זייערע רייהען נישטא. אין דער גרויסער אינדוסטריע זענען זיי נישט בעטייליגט קיים, קוים אין דער קליינער, אין דער היימישער וואַרשטאַטערייי, דאס איבעריגע האנדעלט מען, יוער עס האט א קראם און קוקט זיך די אויגען אויס נאך לייזונג, א פדיון און ווער — עס בעהמט דעם זאק און פאק אויף די פלייצעס און מיט'ן מאר־גענשטערן צוגלייך לאזט מע זיך ארויס איבער שטעטלעך און דערפלעך, איבער מארקען און יא־רידים און מ'קוקט זיך די אויגען אויס.

און דער פארנאכט ברענגט זיי צוריק ברענגט זיי צוריק צו זייערע שטיבער און הויזגעזינטען און איין מאל אין דער וואך — צום געזעלשאפטליכען לעבען.

עטליכע געמיינשאפטליכע אינסטיטוציעס — א קולטור־פעראיין, צוויי קליינע ווייסע חדרימלעך, ליכטיג, ציכטיג, העל, פריש, גוי און מיט אהן א שיער בעגייסטערונג. א ביבליאטעק שענקעל, אוונ־טען, דיסקוסיעס, א ליטעראטור־יום־טוב ביי א גע־לעגענהייט און האפנונגען אויף האפנונגען.

צעקריגט אָרער צו חלוקי־דעה'דיג, אלץ איינס דאך, עס איז דא א געמיינזאמע סיבה פון זיין צונויפגעבינדען און צונויפגעהאפטען, אין שטאט לעבט א „שונא" דער עלזאסער יוד, וועלכער האסט דעם „אסט־יודע" "התכלית־השנאה. די עלזאסער „יא־הודים" פיהלען זיך די אויבערשטע פון שטויסעל, זיי זענען דאס פון דייטשער פאטריאטישקייט לייכט אריבערגעגאנגען צו פראנצויזישער, זיהן צו איינק־

לעך פון די, וואס זענען אויף דער בראנד־שטראסע פערברענט געווארען. זענען איצט די רייכסטע פון שטאט. אלע גרויסע געשעפטס־מאגאזינען זענען זייערע. זיי טראגען אין זיך דעם סימבאל פון די גערעכטיגקייט — כמעט ניינציג פראצענט פון די ריכטער און אדוואקאטען זענען זיי.

פאר זיי, די יאהודים, זענען עס די „אסט־ברידער" דער סימבאל פון חרפה, ביז איצט האבען זיי נישט געהאט צווישען זיך אזא „שאנד", זייערע גלויבענס־ברידער בעל־מלאכות? פעדלער? יודיש רעדער? און טאמער איז דאס נאך ווינציג מאכט מען א קולטור־צענטער, וואס פויקט אויף אלא טאצען וואס בעהמט אויף שרייבער־געסט, וואס שאפט איין יודישע ביכער? און דאס ערגסטע נאך — מען לאזט וועגען דעם שרייבען אין די דייטשע צייטונ־גען! ווי קען מען זעהן אזא „בושה" איבערטראגען!

נאר אויף להכעיס פערגרעסערט זיך דער ישוב פערטיפט זיך און פערווארצעלט זיך. די מזרח־איי־ראפעאישע יודען, דאס איז א פשוטער ארבייטס־זאמער און פאלקסטימליכער עלעמענט, מיט א גע־זונטען חוש פאר געזעלשאפטליכקייט מיט א דראנג צו אינטענסיווער קולטור־טעטיגקייט; און זייער דורשט צו א נאטירליכען אויסלעבען זיך און אן אייגענער קולטורעלער סביבה, צו עקאנאמישער ארגא־ניזירטקייט, וועלען זיי נאך דאס „עלזאסישע יא־הודימטום" איינגאנצען אפשטופען און א זייט, די וואס פערשאטענען די ליכטיגע געשטאלטען, זענען גורם א בזיון פאר די קדושים פון בראנד־שטראסע!

משה העם (צום 70 יעהריגען יובל פון זיין „רוים און ירושלים")

— 2. —

אין „רוים און ירושלים" וויל העס שלום מאַ־כען צווישען די צוויי גרויסע כוחות, וואס ווירקען אין זיין נשמה; דער נאציאנאלער פאטאס און דער סאציאלער און הומאניטארישער. אזא סינטעז איז ביי די דאמאלדיגע סאציאליסטען געווען אן אומעגליכקייט. דער נאציאנאליזם איז ביי זיי בעט־ראכט געווארען אלס רעאקציאנערע בעוועגונג. (וואס איז א געגענזאץ צו די אוניווערסאלע איד־דעאלען פון דער מענשהייט און ברענגט אריין א צווישען־שייד און כאאס אין דער וועלט. די נא־ציעס זענען ביי העס'ן נישט אן אויספלוס פון די עקאנאמישע און פאליטישע בעדינגונגען, מעכאני־שע קיבוצים, נאר זיי זענען בעשעפענישען פון דער נאטור. ארגאנישע קערפערשאפטען, וואס האבען א ספעציפישען קערפערליכען און גייסטיגען פרצוף, ווי פערשידען עס זענען די אנטראפאלאגישע סמנים, אזוי פערשידען זענען די גייסטיגע געשעהע־נישען. די ראסע וואס שטרעבט צו אן אייגנארטיג לעבען — שאפט די קולטור. די ראסע איז נישט נאר דער באדען, דער קוואל פון אלע גרויסע רע־ליגיעזע עטישע און קינסטלערישע שאפונגען פון דער נאציע, נאר איז אויך די טרייב־קראפט דער מאטאר פון דער ענטוויקלונג.

די פערשטארקטע נאציאנאלע בעוועגונג האט לויט העסען — א גרויסען ווערט. נישט נאר אלס בעפרייאונגס־בעוועגונג פון די אונטערדריקטע פעל קער. זי איז דער לעבענס־אינסטינקט פון דער גאנ צער מענשהייט אין קולטור היסטארישען זין. זי היט אפ די וועלט געגען דער טענדענץ פון פעראל־געמיינערען און מעכאניזירען פון דער מאדערנעם עקאנאמישען לעבען, וואס וויל אויסרייסען מיט דעם וואָרצעל דאס ארגאנישע לעבען. אלס שוץ געגען דער דאזיגער סכנה דינט די נאציאנאלע בעווע־גונג. פאר וועמען עס איז היילג דאס ארגאנישע לעבען אין אלע זיינע פארמען. אלס געגענזאץ צו דעם פערהייבען פון דער פארם אין מאטעריא־ליזם פון דער מאדערנער ציוויליזאציע.

די נאציע וואס פערטיפט זיך אין זיך, קומט ממילא נישט בעוואוסטזיניג צו די ברעגען פון דער פעראייניגטער מענשהייט, די נאציעס זענען ווי די אברים. יעדער פון זיי לעבט זיך פאר זיך און ערפולט זיין ראל אין לעבען פון גאנצען קערפער. קיין שום נאציע קען זיך לגמרי נישט אבזאגען פון איהר מענשליכער מיסיע. העס'עס געדאנק וועגען דער מיסיע קומט נישט צו פערקלענערען די עקזיס טענץ־ווערט פון פאלק, נאר צו דערהויבען זיין עקזיסטענץ צו אן אוניווערסאלער וועלט־מדרגה, די נאציע איז נישט נאר א מיטעל נאר א צוועק פאר זיך.

העס איז נישט קיין אנהענגער פון דעם ריי־נעם גייסטיגען נאציאנאליזם, וואס בעטראכט זיך נאר אלס וועדקצייג פון דער מענשהייט, פונקט ווי ער איז נישט קיין אנהענגער פו זאאלאגישען נא־ציאנאליזם, וואס פערשליסט זיך אין זיינע ד' אמות פון פערזענליכען עגאאיזם און וויל נישט זעהען די אייניגקייט און דאס געמיינזאמע פון מענשלי־כען לעבען אין דער גאנצער וועלט.

העס'עס טעאריע ווייסט נישט פון א ראסען־עגאאיזם, ווייל ער גלויבט נישט אין א אויסדער־וועהלטער ראסע, נאר יעדע ראסע האט זיך איהר ספעציפישע מיסיע לויט די בעדינגונגען פון ארט און צייט.

איצט וועגען דער ציוניסטישער טעאריע פון משה העס, ערשטענס שטעלט ער פעסט, אז די יודישע ראסע איז געבליבען פעסט און אייגנארטיג אין אלע צייטען, נישט דער קלימאט, ביזט די צער־שפרייטקייט און נישט די געמישטע חתונות האבען געקאנט אפווישען די אייביגע ראסע, אונזער ראסע עקזיסטירט אין גלות, אבער אין א בעשעהמענדער פארם. כדי אנצוהויבען צו נייע לעבען דארפען מיר קודם אנהויבען גלויבען אין אונזערע אייגענע כו־כות און אין אונזער מענשליכער מיסיע, און דערפאר פערנעהמט זיך העס מיט פעסטשטעלען די אייגענארט פון יודישען פאלק, ער פארשט די פער־גאנגענהייט און וויל פון איהר קומען צו ריכטיגע מסקנות בנוגע דער צוקונפט.

וואס איז — לויט העס'ען — דער סוד פון אונזער נאציאנאלער ספעציפישקייט?

דאס זעהט מען גענוי ארו'ס אין זיין קאמף מיט דעם גאנץ ענטגעגענגעזעצטען נאציאנאלען טיפ — דער העלעניסטישער טיפ.

וואס איז דער אונטערשייד צווישען יודענטום און העלעניזם? דער העלעניזם פאסט אויף די וועלט ווי אן אייביגער הווה (זיין), דאס יודענטום ווי אן אייביגער ווערען.

אין די גריכישע שאפונגען געפינט מען אן אבסאלוטע רוהיגקייט, א הארמאניע, די שאפונגען זעהען אויס ווי עפעס גאנצעס. און אין די יודישע שאפונגען געפינט מען אן אומרוהיגקייט. א זוכען און שטרעבען צו שטענדיגער בעניי־אונג און ערגע־צונג. דארט — זעהט די פארם און דא — זעהט די מאטעריע, וואס ווארט אויף א פארם. דארט איז דער עיקר די הנאה פון דער שענקייט און דא — שטרעבונגען צו דעם דערהאבענעם... די גריכען זענען געבענשט מיט אנאויג, וואס זעהט מיט א חוש פאר'ן אָרט, די יודען — מיט אן אויער וואס הערט און מיט א חוש פאר דער צייט. דערפאר האבען די גריכען דערגרייכט צום קולט פון דער נאטור. וואס איז בתכלית השלימות און די יודען האבען דער־גרייכט צום קולט פון דער היסטאריע, וואס ענט־וויקעלט זיך און פערפולקאמט זיך אהן אויפהער.

מיר יודען זענען די טרעגער פון'ם פארטשריט־און ערגענצונגס־אידעאל, דער גייסט פון אונזער פאלק איז א רעליגיעז־עטישער. מיר זענען גע־ווען און וועלען פערבלייבען א לעבעדיגער פראָ־טעסט געגען גראבען מאטעריאליזם, וועלכער ליי־קענט אין גייסט און אין שטרעבען צום גוטען.

די וועלט וועט נישט עקזיסטירען אהן דעם היי־ליגען פייער, וואס ברענט אין אונז, אהן דער היי־ליגער יודישער אומרוה, די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און מעכאניק קען נישט דינען אלס ערזאץ פון די אוניווערסאלע אידעאלען פון אונזערע נביאים, אהן יענעם אידעאליסטישען פייער, אהן דעם רעליגיעז־עטישען אינהאלט, וועט די וועלט פערשטיינערט ווערען, פונקט ווי עס איז געווען דער סוף מיט אלע פעלקער וואס האבען נישט געהאט קיין עטיק און רעליגיע.

העס טרעט אויך שארף ארויס געגען די, וואס זאגען, אז די יודען דארפען ערפילען א מיסיע אין גלות, ער גלויבט אויך נישט אין דער מענשליכ־קייט פון שאפען יודישע ווערטען אין גלות. העס מיינט אז אונזער לעבען אין גלות איז ענהליך צום לעבען פון פאראזיטען און איז אבסאלוט נישט עטיש, און שטעלט מיט זיך פאר א פאלש בילד פון אונזער מהות, העס שרייבט: „א בשותפותדיג לאנד פאר דעם גאנצען פאלק איז דער ערשטער תנאי צו בעקומען ריכטיגע לעבענס־בעדינגונגען וואס זענען בעגרינדעט אויף פראדוקטיווער אר־בייט. — — אויב מיר ווילען נישט ערנידריגט ווע־רען צו דער מדרגה פון טעלער־לעקער, וואס לע־בען אויף דעם חשבון פון אנדערע."

העס האט געהאט א טיפען אוניווערסאלען רעליגיעזען גייסט. ער האט געלעבט מיט דער איי־ביגקייט, ער האט זיך נישט געוואלט בעגרעניצען אין זיין פריוואטען עקזיסטענץ־תהום, ער האט צו־ליב דעם געמוזט בעגרינדען דעם עקזיסטענץ־ווי־לען פון אונזער פאלק אויף א פילאזאפיש־היסטא־רישען באזיס און איינפאסען די בעוועגונג פון אונזער נאציאנאלער אויפלעבונג אין די אלגעמיינע ראמען פון דער מענשהייט. (סוף).

היינט און פאלג. טעג!
פוילישער רעוואלאציאנס־שלאגער!
ווייסער גיפט
אין די הויפט־ראלען:
STEFAN JARACZ
Marja ZARĘBIŃSKA
טענץ:
PARNELL i HALAMA
MIECZ. FOGG :סאלא־געזאנג
מוזיק־אילוסטראציע:
ZYGM. BIAŁOSTOCKI
אויסערן פראגראם: אקטואליטעטן.
אנהויב אין געוו. טעג 4.30 נאכמיטאג, שבת און זונטאג — 12 בייטאג.
פערקלענערטע פרייזען פון די פלעצער
דער זאל איז שטארק בעהייצט.
הנחה־בילעטען זענען גילטיג אהן בעגרענצונגען

היגיעניש־קאסמעטישער סאלאן
Szwajcerowej
איז בעווארען מיט'ן היינטיגען טאג אן
איבערגעטראגען
פון דער נארוטאוויטשא 24
אויף פיעטריקאווער 106 1. שט., טעל. 115-08

Lekarz-Dentysta
M. Kaniewska
Zawadzka 6.
נעהמט אן פון 10—1 מיטאג און פון 3—7 אוונד.

Dr. S. Kantor
ספעציאליסט פאר הויט, וועגערישע און גע־שלעכטס־קראנקהייטען
PIOTRKOWSKA 90, tel. 129-45.
נעהמט אן פון 8—2 נאכמיטאג און פון 4—9 אוונד.
זונטאג און יום־טוב פון 8—2 נאכט.

Dr. med.
W. Eychner
אקושעריע און פרויען־קראנקהייטען
וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4
(נעבען קינא „משארי") טעל. 134-72

ציין־ארצט
JAKÓB BOTWINIK
נארוטאוויטשא 13, טעל. 111-50
נעהמט אן פון 10 פריה ביז 3.30 נאכמיטאג. ...
צוגענגליכע פרייזען. פאר אונפארמאג. ליכט און ארבייטסלאזע — הנחות.

נאך ווינער ארט
ארטאפעדישער אנשטאלט
פראטעזען, גארסעטען, אר־טאפעדישע אפאראטען אלער ארט, לייכטע פלאט־פוס־איינלאגען געגען פיס־שמערצען אלס נאך גיפס־אפדרוק.
Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović
פיעטריקאווער 119, טעל. 231-81.

Dr. med REICHER
פאלודניאווא 28, טעל. 20193
ספעציאל־ארצט פאר מענער־שוועכע־בעהאנדלונג
קינדערלאזיגקייט און סעקסועלע בעראטונגען
נעהמט אן פון 5 — 8 אוונד.
זונטאג און יום־טובים פון 9 — 1 בייטאג.

Dr. med. Haltrecht
ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און געשלעכטס־קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעמט אן פון 8 ביז 11 פריה, פון 1 ביז 2 מיטאג און פון 5—9 אווענד. זונטאג פון 10—1 בייטאג.
פאר ארבייטסלאזע לעטשניצע־פרייזע!

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאנא 15 טעל. 149-07.
ספעציאל־ארצט פאר הויט־און געשלעכטס־קראנקהייטען, מענער־שוועכע בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג.
נעהמט אן פון 8—11 פריה און פון 4—8 אווענד, זונטאג פון 9—1 בייטאג.
פאר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע־פרייזע

גרשוני, דער „אידעם פון מינסק"

פון הלל זלאטאפאלסקי

מיר ברענגען דא א קאפיטעל מעמוארען פון דעם אקארשט-פארשטארבענעם בעוואוס־טען ציוניסטישען עסקן הלל זלאטאפאלסקי.

אונזער פרומע, עכט - ארטאדאקסישע שוהל, וואס מיר האבען אויפגעבויט אין קיעוו אויף דער מאלאוואסילקאווסקע גאס, איז ווירקליך געווען א זעלטען-שיינע שוהל, ערשטענס, איז זי געווען גרויס הויך און פשוט רייך געבויט. און צווייטענס, איז זי געווען שיין אויך אין גייסטיגען זין. די שענסטע צען געווען צווישען די מתפללים פון דער „קופער־משעסקער" שוהל, א שוער אין גמרא האט יעדען טאג געזאגט דער בעקאנטער שריפטשטעלער און תלמוד-געלעהרטער יעקב צבי יאנאווסקי. די צו־הערער זענען געווען די גרעסטע לומדים, צווישען וועלכע עס האבען זיך אויך געפינען: רבי אהרן סידערסקי, (דער פאטער פון ה' דוד סידערסקי אין פאריז), רבי שבתי שימסאוויץ און נאך אנדערע בעוואוסטע לומדים, און א ווינקעל אין דער גרויסער שוהל איז אויך געווען, וואו א יוד א ספעציאליסט פלעגט זאגען עין יעקב פאר די בעלי-בתים, וואס דער קאפ ביי זיי איז נישט געווען קלאר פאר א בלאט גמרא און אויך פאר די, וואס זענען בכלל נישט געווען געוואקסען פאר גמרא.

אונטען אין שוהל איז געווען א גרויסארטיגע תלמוד-תורה, אויף וועלכער עס זענען געווען צוויי משגיחים: איינער א שריפטשטעלער יצחק יעקב ווייסבערג, און דער אנדערער בין איך געווען. מיט זעהר גרויס מיה און דורך א קאמף זענען מיר גע־קומען דערצו, אז מען האט אונז ערלויבט איינ־צופיהרען גימנאסטיק אין דער תלמוד-תורה, פון עברית-בעברית און נאך אזעלכע זאכען זענען מיר אליין, איך און ווייסבערג געווען ווייט ווי מזרח פון מערב. אין אונזער שוהל איז געווען א חזן, רבי מיכאל, וועלכער איז אין די יונגערע יאהרען זיינע געווען א משורר ביים בעריהמטען ראזאווסקי, דעם חזן פון ריגע און דערפאר האט ער געקענט אלע חזנישע שטיקלעך. אויך האט ער געקענט זינגען פון נאטען. אויך פלעגט ער זיך ערלויבען דאוונען מיט א קאמערטאן. הגם דער יוד איז געווען א צדיק א גע־קענט פון אלע יראים ושלמים פון שטאט א קאמערטאן אום שבת איז געווען אפגעפרעגט ביי אלע פרומע יודען, ווייל ער איז דאך משמיע קול, נאר ער האט זיך דאס ערלויבט, ווייל אויך דער בעריהמטער ראדאפסקי איז געווען זעהר א פרומער יוד און דאך האט ער געדאווענט מיט א קאמערטאן אום שבת און אום יום-טוב.

אויך האבען מיר געהאט צוויי שמשים פרומע יודען, פון וועלכער איינער רבי ישראל איז געווען א היבשער יודע ספר.

דער צווייטער משמש איז געווען א פשוטער יוד, יהושע דער שמש, א ניקאלאיעווסקער סאל־דאט מיט א לאנגער ווייסער בארד, וואס האט גאנץ גוט געפאסט צו דעם גאנצען טראכט פון דער שיי־נער ארטאדאקסישער שוהל, וואס האט נישט גע־האט איהר גלייכען אין גאנץ אוקראינע.

מיר האבען אויך געהאט צוויי בעלי-קריאה, איינער פלעגט לייענען שבת אינדערפריה די סדרה, דער אנדערער איז, אייגענטליך, נישט געווען קיין ספעציאליסט א בעל-קריאה, וואס שטעלט א טע־לער ערב יום-כפור אדער אסתר תענית צו דער מגילה. ער איז געווען א יונגערמאן א מושלם, וואס האט געקענט לייענען אין דער תורה און אויך אנשרייבען א פאפיר צום פאליצמייסטער, אדער צום גובערנאטאר. ער האט נישט געלעבט פון זיין לייענען אין דער תורה, ער האט נאר געלייענט צו מנחה שבת, און אויך מאנטאג און דאנערשטאג. נאר פונדעסטוועגען האט ער דאך געהאט א שטי־קעל יניקה פון דער שוהל, ער איז געווען א מומחה אויף מאכען „גובערנאטארסקע פאספארטען" אזוי פלעגען הייסען די פאספארטען, וואס מען פלעגט ארויסבעקומען דורך דעם גובערנאטאר ספעציעל אויף צו פאהרען קיין אויסלאנד. געקאסט האט א פאספארט צעהן רובעל, דאס האט גענומען די רע־גירונג. נאר ארויסבעקומען א פאס אויף צו פאהרען קיין אויסלאנד האט געדויערט וואכען-לאנג, נו, איז אבער די בריהשאפט פון אט דעם מונבז — (אזוי האט מען גערופען דעם מאנטאגדיגען און דאנער־שטאגדיגען בעל-קריאה), אז ער פלעגט ארויסבע־קומען אן אויסלענדישען פאספארט אין צוויי טעג. ער איז פשוט געווען גוט בעקאנט אין דער פאלי־ציי און אויך ביים גובערנאטאר און זיין קאנצע־לאריע, און אז ער פלעגט עדות זאגען אויף איי־נעם, אז ער איז א פיינער מענש, א לאיאלער נישט קיין אנטלאפענער ארעסטאנט, נישט א געפעהרלי־כער רעוואלוציאנער — פלעגט מען נישט מאכען מעהר קיין חקירות ודרישות און מען פלעגט באלד ארויסגעבען דעם געוואונשטען פאספארט.

די שוהל איז געווען זעהר א רייכע. די וואס האבען פארנומען די גרויסע מזרח-וואנד, וועלכע האט געהאט נישט ווייניגער ווי פופציג ערטער און אויך די וואס זענען געזעסען אין שפיגעל-וואנד אין דערנעבען צאהל — זענען אלע געווען רייכע יו־דען און דערפאר פלעגען זיי זיך נאכגעבען אזוי ווייט, אז אלע זומער פלעגען זיי אלע, מיט זייערע פרויען, זיהן, טעכטער און איידעמס פאהרען אין דייטשע און עסטרייכישע קורארטען; איז אט דער מונבז געווען זייער פאספארטען-מאכער, פאר יע־דען פאספארט פלעגט ער בעקומען פינף אדער צעהן רובל פאר זיין טרחה און בריהשאפט, דער־פאר איז אויך געשעהען, אז ווען איינער, וואס האט גארנישט געהערט צו אונזער שוהל, פלעגט וועלען פאהרען קיין אויסלאנד און האט געדארפט אן אויסלענדישען פאספארט, האט ער געמוזט קומען א מאנטאג אדער א דאנערשטאג אין שוהל, הערען ווי אזוי מונבז לייענט אין דער תורה, און דערנאך פלעגט ער מיט איהם דורכקומען, אפגעבען איהם זיין פאספארט מיט די נויטיגע אינפארמא־ציעס און ער האט שוין געקענט זיין זיכער, אז אין א טאג אדער צוויי ארום וועט ער האבען זיין אויס־לענדישען פאספארט אין דער טאש.

און אט הויבט זיך אן א געשיכטע, וועלכע האט א יוד געקאסט דאס לעבען, אין דעם עפילאג פון דער געשיכטע, האב איך אויך אנטייל גענומען.

אין א שיינעם מאנטאג אדער דאנערשטאג איז געקומען א שווארצער יונגערמאן וואס האט געהאט א גאנץ שיין יודישען אויסזעהן, אין אונזער שוהל, און האט זיך אנידערגעשטעלט ביי איינער פון די מיטעלבענק, נעבען א יוד, וואס האט געשטאמט פון מינסקער גובערניע, זיין נאמען איז געווען ניעמטשענקא, א גאנץ ערליכער יונגערמאן, א סוחר איז ער געווען און פלעגט גיין אלע טאג דאווי־נען אין שוהל, אזוי אז מען האט איהם זעהר גע־שעצט און געהאלטען פאר א שיינעם בעל-הבית.

אז דער אורח האט זיך געשטעלט נעבען איהם, האט ער איהם געפרעגט ווי געווענליך:

— פון וואנען איז א יוד?

האט ער איהם געענטפערט:

— א מינסקער איידעם.

דערווייל האט מונבז געלייענט אין דער תורה, און ניעמטשענקא האט געפרעגט דעם מינסקער איידעם, צי ער איז געקומען אויף לאנג קיין קיעוו, האט ער איהם געענטפערט: ניין, ער דארף פאה־רען צו זיין ווייב אין קארלסבאד, נאר ער דארף געשווינד מאכען אן אויסלענדישען פאספארט, וואס ביי איהם אין מינסק געדויערט עס ימים ושנים און דא, אין קיעוו, זאגט מען, אז מען מאכט עס זעהר שנעל.

— געוויס — זאגט איהם ניעמטשענקא — מאכט מען אין קיעוו א פאספארט אין צוויי טעג, נאר מען דארף עס טון מיט דער פערמיטלונג פון אט דעם יונגענמאן וואס לייענט איצט אין דער תורה און וואס מען רופט איהם: מונבז.

— נו, און וויפיל קאסט אזא מעשה? — פרעגט דער אורח.

— עס קאסט עטליכע רובעל, איך וועל איהם זאגען, אז ביי מינסקער דארף מען נישט נעהמען טייער.

און אזוי האט איהם ניעמטשענקא פארגע־שטעלט מונבז'ן און אויף אזא אופן האט מונבז גע־מאכט א פאספארט דעם בעריהמטען רעוואלוציא־נער גרשוני (ער איז עס געווען דער „מינסקער איידעם") וועלכען מען האט שפעטער אויף דער גרענגיץ פערהאלטען, און דאס האט געבראכט, אז ניעמטשענקאן מיט מונבזן צוזאמען האט מען פלוצ־לונג ארעסטירט און אפגעשיקט אין פעטערבורג, אין דער טורמע פון די שטרענגע פאליטישע ארע־סטירטע, וואס האט געהייסען „קרעסט".

אין א קורצער צייט ארום איז אויסגעבראכען דער רוסיש-יאפאנישער קריג, גראדע בין איך גע־ווען אין פעטערבורג, איך האב געדארפט זיין ביי איינעם פון מיינע גוטע בעקאנטע, וועלכער איז געווען זעהר א הויכגעשטעלטער מקורב צום הויף פון ניקאלאי דעם צווייטען. ער האט געהייסען גראף איוואן וויקטאראוויטש קאנקרין, ער איז געווען אן אייניקעל פון דעם בעריהמטען פינאנץ-מיניסטער קאנקרין, אויף וועלכען מען האט געזאגט, אז ער שטאמט פון יודען. ער איז געווען א גראף, אויך האט ער געהאט דעם טיטול: שטאלמייסטער פון דעם קייזערס הויף און איז געווען א רייכער גוטבעזיצער אין יעקאטערינאסלאווער גובערניע. ער האט חתונה געהאט מיט א טאכטער פון דעם גענע־ראל סטריקאוו, זיין פרוי איז אויך געווען שטיינ־רייך, זי איז אויך געווען א וואוילטעטיגע פרוי. זי האט אויפגעבויט אין אלעקסאנדראווסקי, יעקאטע־רינאסלאווער גובערניע אן אנשטאלט פאר טויבע און שטומע. איך בין געווען גראדע ביי זיי אין פע־טערבורג אין דער היים אויף פורשטאטסקע גאס 54 בעת זיי זענען געקומען פון הויף אין די צערעמא־ניע-קליידער. דער גראף איז געגאנגען אנגעטון אין אן אוניפארם פון א שטאלמייסטער, זיידענע קליי־דער פון א ווייס-דונקעלען קאליר, מיט גאלד גע־שטיקט. זיין היטעל איז געווען א מין המן-טאש, שווארץ מיט גאלד ארומגעניים, די גרעפין איז אוועק זיך פריהער איבערטון און דערנאך איז זי ארויסגעקומען צו מיר.

דער גראף האט געשטראהלט פאר פרייד, ער האט מיר גענומען דערציילען וואס עס האט זיך אפגעטון דארט, ביי דעם קייזער'ס ארויסגיין אין גרויסען אויפנאהם-זאל אין דעם ווינטער-פאלאץ.

דער קייזער האט ביגעוואוינט ווי די גלחים האבען געהייליגט די כלי זיין פאר דער מלחמה און נאכדעם האט ער זיך געווענדעט צום עולם און האט אנגעהויבען:

— הערן אפיציערן!

אבער אין דעם מאמענט האט איהם דער אויס־סערן-מיניסטער עפעס בעמערקט און ער האט מעהר נישט גערעדט, ער האט זיך א נייג געטון און איז צוזאמען מיט דער קייזערין אוועק אין די אינווע־ניגסטע אפארטאמענטען.

„ווי איך האב זיך שפעטער דערקונדיגט — זאגט דער גראף — האט דער קייזער געוואלט איבערגעבען א דעפעשע, וועלכע ער האט בעקומען פון ווילהעלם דעם צווייטען, וועלכער האט איהם צוגעזאגט מוט צו דער מלחמה. דער אויסערן־מיניסטער האט איהם בעמערקט, אז די דעפעשע דארף נישט פערעפענטליכט ווערען". — די שטי־מונג איז אזעלכע — זאגט דער גראף — אז ווירק־ליך עס וועט נישט בלייבען פון די יאפאנער קיין שריד ופליט.

איך האב זיך בשעת מעשה דערמאנט, אז דער פשוטער עולם האט געזאגט: מיר וועלען זיי, די יאפאנער מיט אונזערע היטלען פערווארפען. און אז מען האט דאס דערציילט אין בית-המדרש, האט א יוד א לץ געמאכט א בעמערקונג: מאכט רש"י: „מיט די קעפ אינאיינעם".

(סוף מארגען).

דייטשער קאנצלער שלייכער

וועגען פראגראם פון דער דייטשער רעגירונג

בערלין, 17 (טפ. טעל.)

דער נייער רייכסקאנצלער גען. שלייכער האט געהאלטען דורכ'ן ראדיא זיין פראגראם-רעדע. ער האט אפגעלייקענט די קלאגען, אז ער האט בדעה איינצופיהרען א מיליטער-דיקטאטור.

„מיין אמט - האט געזאגט שלייכער - וויל איך נאר פארנעהמען אין משך פון דער קורצער צייט פון קריזיס. די הויפט-אויפגאבע פון דער רעגירונג וועט זיין צו לאזען אין גאנג די ארבייטס-ווארשטאטען און פיהרען א קאמף מיט דער ארבייטסלאזיגקייט".

שלייכער האט זיך דאן ארויסגעזאגט געגען נייע לוין-רעדוקציעס און פאר דערהאלטען די סאציאלע דעראבערונגען.

געגען גריפע
ערקעלטונגס-קראנקהייטען. אינפלוענץ. רעוומאטישע שמערצען ווירקען טאגאל-טאבלעטען שנעל און זיכער. רעכטצייטיג גענומען פער־שווינדען די קראנקהייטס-דערשיינונגען תיכף. פולקאם אונשעדליך.
צו בעקומען אין אלע אפטייקען.
טאגאל

ר. איזראעל

משפחות אין פלאמען

סענסאציאנעלער ראמאן פון יודישע פאמיליע-לעבען

(46

קאפיטעל 10

מאקס און זיינע טרוימען...

מאקס איז געווען אין א זעהר שלעכטער שטי־מונג. ער איז געווען שטארק אויפגערעגט און נישט געוואוסט וואו ער זאל זיך אהינטון. צום זעקסטען מאל האט ער שוין איבערגעלייענט דעם בריף, וועלכען ער האט געהאלטען אין האנד. צום סוף האט ער דעם בריף צוקנייטשט אין זיין האנד, און אוועקגעווארפען אויף דער פאדלאגע און צוגעטרע־טען מיט'ן פיס

— צום טייוועל, א ביי אנשיקעניש, וואס וועל איך איצט טון?

ער האט זיך נישט צוגעהערט צו דעם עסען וואס איז געשטאנען אויפ'ן טיש און אלץ געטראכט וועגען דעם אינהאלט פון דעם בריף, וואס ער האט היינט בעקומען, ער האט גענומען זיין פאלטא און איז אוועק צו זיין חבר הענריק גראסבערג

— מאקס ביזט שוין דא? — האט הענריק איהם בעגעגענט אויסציהענדיג זיך אויפ'ן בעט, אויף וועלכען ער איז נאך געלעגען — ווי לאנג איז נאר ווי מיר זענען זיך פונאנדערגעגאנגען, ערשט 3 שעה, אמת א פיין מיידעלע האבען מיר היינטיגע נאכט געהאט

— אי, וואס טויגען מיר דיינע מיידלעך, איך האב ווידער א גרויסע צרה

— שוין ווידער, האסט נישט קיין מזל, ווי נאר דו הויבסט אן צו פליטערוען, האסט דו גלייך א צרה, זאג נאר וואס איז דיר ווידער געשעהען?

— כ'האב בעקומען א בריף פון פעלא בארנ־שטיין.

— הענריק האט א פייף געגעבען און דאן געזאגט.

— א, זעהר שלעכט, זעהסט דאס איז א פאס־קודנע לאגע. די דאזיגע שלאנג, אז זי האט זיך צוגעטשעפעט צו דיר, וועט דיך מעהר נישט אפלאזען, זי וועט זיך ארומוויקלען ארום דיין האלז און זיך איינבייסען אין דיין בלוט ביז דו וועסט אינגאנ־צען פערסמט ווערען.

הענריק האט דערביי געמאכט א בעוועגונג, ווי מ'שעכט אימיצען און דאן האט ער ווייטער גע־פרעגט

— און וואס שרייבט דיר דאס דאזיגע ווייבעלע?

— א קליינינגקייט, א נארישקייט גאר א קליי־ניקייט, האט מאקס זיך פערקרומט, זי שרייבט מיר, אז איהר מאנס צושטאנד איז א געפעהרליכער, אז ער וועט מן הסתם א לאדע טאג שטארבען, אז ער האט ווידער בעקומען א שווערען בלוט-שטורץ און די דאקטוירים גיבען נישט קיין שום האפנונג איהם צו דערהאלטען ביים לעבען...

און דעריבער, האט הענריק איהם איבערגע־האקט די רייד, דעריבער הייסט זי, אז דו זאלסט זיין גרייט מיט איהר חתונה צו האבען דאן, ווען זי וועט ווערען פריי.

— אזוי ווי דו זאלסט דערביי געשטאנען, אזוי שרייבט זי מיר טאקע, און איך בין אהערגע־קומען צו דיר, כדי דו זאלסט מיר געבען אן עצה, ווי אזוי איך זאל פון איהר פטור ווערען

— פון איהר וועסט דו נישט אזוי שנעל פטור ווערען, איך בין זיכער, אז אויף דעמזעלבען זיי־טעל, וואס זי שרייבט וועגען איהר מאנס שווערען בלוט-שטורץ, וועגען איהר מאנס נאהענטען טויט, שרייבט זי וועגען חתונה האבען מיט דיר. ברודער, זי האט דיך גוט געפאנגען, ס'איז דיך גארנישט מקנא צו זיין, איבריגענס. האט הענריק זיך צו־לאכט, ווער א לייט און האב חתונה מיט איהר

— הענריק, דו ביזט א גרויזאמער מענש. איך בין געקומען צו דיר נאך אן עצה און נישט צו דעם, אז דו זאלסט מיך אויסלאכען

— איך שפאס, מאקס, איך וואלט דיר גערן געהאלפען אבער וואס פאר א עצה איז פערהאן צו אזא שלאנג, וועלכע האט זיך נאך פריהער געהאט צוגעגרייט א נייעם מאן, איהר אלטער האט אויסגעהויכט זיין נשמה, פון איהרע הענד קען קיינער נישט אזוי לייכט ארויסקומען, זי איז צופיל קלוג, ראפינירט און שלעכט, אז זי זאל לאזען אימיצען צורוה, נאכמעהר איצט ווען זי ווערט פריי פון איהר קראנקען מאן און זי מוז האבען א פרישען מאן. ביזט דו נישט גוט פאר איהר, ביזט גענוג מאנספערשוין, ביזט גענוג פערמעגליך, אז זי זאל דיך וועלען אזוי שנעל אפלאזען

— אבער צום טייוועל, נאך וואס האב איך דאס אלץ געדארפט, האט מיר געפעהלט ליבעס־געלעגענהייטען, אז איך זאל זיך דארפען אנטשע־פען אין אזא בחורטע, ווי ס'איז פעלא בארנשטיין?

— האב איך דאך דיך געווארענט פאר איהר.

— אבער וואס טוט מען איצט? ווי אזוי ווערט מען זי פטור, איך וועל דאך זיין אומגליקליך אויף מיין גאנצען לעבען?

— דו האסט איין איינציגע עצה, האט הענריק געזאגט, קוקענדיג דורכדרינגליך אויף מאקסען

— זאג מיר, איך בעט דיך, איך וועל דיר זעהר דאנקבאר זיין

— איך ווייס אבער נישט אויב מיין פלאן וועט דיר געפעלען ווערען, אויב דו וועסט הערען איינגעהען.

— זאג מיר, איך וויל הערען, איך בין גרייט אלץ צו טון, אבי לויז צו ווערען פון דער עקעל־האפטער און גיפטיגער פרוי, הענריק העלף מיר, דו ביזט דאך מיינס א פריינד

— מיין עצה איז, אז ביז וואס ביז ווען, ביז פעלאס מאן וועט שטארבען און ביז זי וועט זיך ווענדען צו דיר, אז דו זאלסט מיט איהר חתונה האבען זאלסט דו זי אויסמיידען.

— וואס הייסט דאס, רעד קלארער

— זאלסט שוין דעמאלס האבען חתונה געהאט

— דאס הייסט, לויט דיין מיינונג, אז איך זאל פריהער חתונה האבען, האט מאקס זיך אזוי צולאכט פאר צרות

— אזוי איז עס און דו דארפסט נישט לאכען, ווייל די פערספעקטיווען חתונה צו האבען מיט פע־לא בארנשטיין, איז דאס ערגסטע, וואס איך האב געזעהען אין דער וועלט.

(פארזעצונג קומט)

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

זונטאג
יט
18
כסלו תרצ"ג

דעצעמבער
זון-אויפגאנג 7.24
זון-אונטערגאנג 3.27

פון האנדעלס-געריכט

פירמעס: „ה. ליטאווסקי" און „אדאלף ס. לאנדוי'ס יורשים" אונטער אופאד-לאשטש — „שלמה מאראקא" און „טעאדאר היפער" בעטען „נאדזורען"

דעם 15-טען יולי 1930, האט דאס געריכט פערעפענטליכט אן אופאדלאשטש דער פירמע „שלמה מאראקא", מאנופאקטור סוחר (נארוטאוויטש 2). צוליב דעם, וואס דער קרעדיטאר באיענשטיין, יוקל-כער האט מאראקאן פערעפענטליכט דעם אופאד-לאשטש, האט צוריקגעצויגען זיינע פרעטענזיעס, איז דער אופאדלאשטש ליקווידירט געווארען.

געכטען האט די פירמע מאראקא זיך ווידער געווענדעט צום געריכט מיט א ביטע וועגען א נאדזור.

פון בילאנס איז צו זעהען, אז די פאסיווע (דער גרייכען א סומע 76.113 זל. דאגעגען די אקטיווען 170,531,05 זל. אין אלגעמיין איבערשטייגען די אקטיוועו איבער די פאסיווען מיט א סומע פון 94,438 זל.

די פראגע וועגען געבען דער פירמע „שלמה מאראקא" א „נאדזור" וועט בעטראכט ווערען אויף איינער פון די קומענדיגע זיצונגען פון האנדעלס-געריכט.

* * *

אויף דער נעכטיגער זיצונג איז בעטראכט געווארען די אנקלאגע פון דער אקצ. געז. „באר'ויש" — דאנציג-פוילישע פאבריק פון קונסט-זייד געגען דער פירמע „קורטאל".

לויט דער אנקלאגע פון דער דאנציג-פוילישער פירמע, האט די לאדזער פירמע נאכגעמאכט איהרע זייד-אויסארבייטונגען צום שאדען פון דער ערשטער די דאנציגער פירמע בעט דערום דעם געריכט, צו פערוועהרען דער קאנקורענץ-פירמע אויסצואַרבייטען און פערקויפען די זייד-אויסארבייטונגען, און גלייכצייטיג צו פערזיגלען דעם לאגער, וואס געפינט זיך ביי ה. האלפערין, אויף פעטריקאווער 73.

נאכ'ן אויסהערען ביידע צדדים, האט דאס געריכט בעשלאסען, דאס ארויסזאגען דעם פסק-דין, אפצולעגען אויף עטליכע טעג.

* * *

אויף דער זעלבער זיצונג, איז פערעפענטליכט געווארען אן אופאדלאשטש דער פירמע „הערצקע ליטאווסקי", זאקען-פאבריק, אויף סקלאדאווא 23.

דער טערמין פון צייטווייליגען פערעפענטליכען דעם אופאדלאשטש, איז בעשטימט געווארען אויפ'ן 25-טען נאוועמבער 1932.

אלס ריכטער-קאמיסאר איז נאמינירט געווארען דער האנדעלס-ריכטער גראסמאן. קוראטאר — אדוו. קאנטשינסקי.

* * *

דאס געריכט האט אויך פערעפענטליכט אן אופאדלאשטש דער פירמע „אדאלף ס. לאנדוי'ס יורשים", פאבריק פון זייד-אויסארבייטונגען (לוד-איזא 52). דער בילאנס אויפ'ן 1-טען דעצעמבער 1932 שליסט זיך מיט דער סומע 149.200 זל. דער טערמין פון צייטווייליגען פערעפענטליכען דעם אופאדלאשטש, איז בעשטימט געווארען אויפ'ן 15-טען דעצעמבער 1932. אלס ריכטער-קאמיסאר איז נאמינירט געווארען דער האנדעלס-ריכטער פאבריקאנט. קוראטאר — אדוו. סקאביטשעווסקי.

* * *

אויף דער נעכטיגער זיצונג איז אנגעקומען א ביטע פון דער פירמע „טעאדאר היפער", פאבריק פון טריקאטאזשען-אויסארבייטונגען (וואולטשאנ-סקא 243) וועגען א „נאדזור".

די פירמע עקזיסטירט אין לאדז פון יאהר 1883. לעצטענס זענען אין דער פאבריק געווען בעשעפטיגט 150 ארבייטער.

דער בילאנס אויפ'ן 10-טען דעצעמבער 1932 שליסט זיך מיט דער סומע פון 978,735,56 זל.

די ביטע וועט בעטראכט ווערען אויף איינער פון די נאהענטסטע זיצונגען פון האנדעלס-געריכט.

סעזאן-ארבייטער בעקומען אונטערשטיצונגען

א פאזיטיווער רעזולטאט פון דעפּ וואיעוואדעס אינטערווענץ אין ווארשא

(2) נעכטען האלב 2 בייטאג האט דער וואיע-וואדע, ה' יאשטשאלט אויפגענומען א דעלעגאציע פון סעזאן-ארבייטער.

דער וואיעוואדע האט אי נאמען פון דער רע-גירונג דערקלערט, אז זיי וועלען בעקומען געלד-אונטערשטיצונגען פון ספעציעלע פאנדען, וואס זע-נען אסיגנירט געווארען דורכ'ן מיניסטעריום פאר געזעלשאפטליכע שוץ.

די מיניסטעריאלע אונטערשטיצונגען וועלען זיין אין דער זעלבער גרויס, וואס די אונטערשטי-צונגען פון ארבייטסלאזען פאנד.

די דעלעגאציע האט געבעטען, אז דער וואיע-וואדע זאל זיך בעמיהען דאס די אונטערשטיצונגען זאלען אויסגעצאהלט ווערען באלד, אין דער חנוכה-וואך, ווייל א בעדייטענדער טייל פון די סעזאן-ארבייטער מוז בעקומען דריי אדער פיר וואך-אונטערשטיצונגען.

דער וואיעוואדע האט צוגעזאגט, אז ער וועט זיך וועגען דעם בעמיהען.

אין שייכות מיט דער דאזיגער דערקלערונג, האט די צווישען-פעראיינס-קאמיסיע אן אויסגעגעבען אן אויפרוף צו די סעזאנאוויצעס, אין וועלכען עס ווערט מיטגעטיילט וועגען די פאזיטיווע רעזולטא-טען פון דעם וואיעוואדעס אינטערווענץ אין ווארשא.

* * *

אפיציעלער קאמוניקאט:

שבת, דעם 17. דעצעמבער ה. י. האט זיך צום לאדזער וואיעוואדע ה' יולאדיסלאוו יאשטשאלט גע-מאלדען א דעלעגאציע פון געווזז. סעזאן-ארבייטער, מכוח דער הילפס-אקציע פאר זיי, אין שייכות דער-מיט, וואס די ארבייטען האבען זיך געענדיגט.

דער וואיעוואדע האט מיטגעטיילט דער דעלע-גאציע, אז אויף דער קאנפערענץ, וואס איז פאר-געקומען אין ווארשא, האט דער מיניסטער פאר גע-זעלשאפטליכער שוץ רעזערווירט זיין ביז איצטיגע שטעלונג לגבי די מלוכה-אונטערשטיצונגען פונ'ם ארבייטסלאזען-פאנד פאר די סעזאן-ארבייטער, וועל-כע האבען געארבייט צו 3 טאג אין דער וואך.

אין רעזולטאט פון דער קאנפערענץ, האט דער מיניסטער — נישט קאנענדיג אנווענדען אויף די סעזאן-ארבייטער די געזעצליכע אקציע, און נעהמענ-דיג, פונדעסטוועגען, אין אכט, אז די דאזיגע אר-בייטער האבען געצאהלט די סקלאדקעס אין אר-בייטסלאזען-פאנד — בעשלאסען צו לאזען אין גאנג א ספעציעלען פאנד, כדי צו געבען זיי אונ-טערשטיצונג אין משך פון 13 וואכען (3 חדשים) פון ווינטער-סעזאן.

אנ'אומגליקליכער געוו. מאגיסטראט-בעאמטער

לאזט איבער א גרויסע פערמעגען בירושה — דער מלוכה

(2) זייט א רייה יאהרען האט געוואוינט אין לאדז אויף 6 שיערפיען גאס 98, איינער עוגעניוש שימאנסקי, וועלכער איז געווען אנגעשטעלט אלס בעאמטער אין היגען מאגיסטראט.

שטאמען האט ער געשטאמט פון א רייכער משפחה אויף וואלין, וועלכע האט פערמאגט אנ'-אייגענעם גוט.

בעת די אומרוהען דארטען האט מען די גאנ-צע משפחה זיינע אויסגעהרג'עט, און די גוט איז אויף „יענער זייט" קאנפיסקירט געווארען.

שימאנסקי איז געבליבען איינער אליין אויף דער וועלט אהן קרובים, און ער האט זיך איינגע-נומען א רעיון אין קאפ, אז ער מוז פאר יעדען פרייז רייך ווערען.

ער האט אנגעהויבען שפילען אויפ'ן טאטאלי-זאטאר, (אויף פערד-געיעגען) דערביי האט ער זיך שטארק האזארדירט, און דער סוף איז געווען אז מ'האט איהם משלח געווען פון מאגיסטראט.

ער איז דאן אוועקגעפאהרען אין ווארשא, און אנגעהויבען דארט צו שפילען.

דארט האט צו איהם דאס מזל א שמייכעל געטאן, און ער האט ביי די „פערד-געיעגען" גע-וואונען 50,000 זלאטעס.

דאס געלד האט ער אריינגעטראגען אין דער „באנק גאספאדארסטווא קראיאוועגא", און ער האט זיך אלץ דערביי געפיהלט גאר לייטיש.

ביז — ביז נעהערנטען, אפפיהרענדיג אויפ'ן וואגזאל איינעם פון זיינע לאדזער בעקאנטע, איז ער אויף דער מארשאלקאווסקא, ביי כמיעלנא, ארונטערגעפאלען אונטער א טאקסובקע, און איז דערהרג'עט געווארען.

זיין גאנץ פערמעגען גייט איצט איבער בירושה צו דער מלוכה.

צי ערב א שטרייק אין די בעקערייען?

(א) בעת דער זיצונג פון דער צעננניק - קא-מיסיע פון מאגיסטראט, האט דער פאראיין פון בעקער - געזעלען דערלאנגט דעם פארשטעהער פון בעקער-צעך א בריוו, דורך וועלכען עס ווערט גע-קינדיגט דער ביזאיצטיגער אפמאך, און עס ווערט געפאדערט צו שליסען א נייעם, אויף בעדינגונגען, וואס זאלען אויף א געהעריגען אופן רעגולירען די שכירות פון די בעקער-געזעלען און זייערע רעכט און פליכטען.

די זיצונג פון דער קאמיסיע איז צוליב דעם איבערגעריסען געווארען ביז דער דערמאנטער ענין וועט רעגולירט ווערען.

מיט דעם ענין איז פעראינטערעסירט דער ארבייטס-אינספעקטאר, וועלכע וועט צוזאמענרופען א פערשטענדיגונגס-קאנפערענץ.

דער פעראיין פון בעקער - געזעלען פאדערט וואס גיכער צו שליסען דעם קאלעקטיווען אפמאך, און דראהט אין געגענפאל צו פראקלאמירען א שטרייק נאך ערב די חגאות.

אזוי ווי ער האט פערלוירן דעם קול

האט ער זיך אויפגעהאנגען אין דער טעאטער-גארדעראב

(2) די טעג האט זיך אין ווילנע אויפגע-האנגען דער 38-יאהריגער פוילישער אפערעטען-אקטיאר יוזעף מאראנאוויטש, וועלכער האט לאנגע יאהרען געשפילט אין דעם לאדזער „טעאטער פאפולארני" אונטער דער דירעקציע פון יוזעף פילארסקי.

פון דער שטריק אין דער טעאטער-גארדע-ראב האט מען איהם אראפגענומען שוין א טויטען.

די סיבה פונ'ם זעלבסטמארד איז געווען, וואס שפילענדיג אין לאדז האט ער זיך שטארק ארייגעלאזט אין שיכור'ן, און זיין העלדען-טענאר האט וואס א טאג אלץ מעהר פערלוירען אין דער העלדישקייט און קלאהרקייט...

ער איז שנעל בעווארען א יורד, און ער האט געמוזט אנקומען צו גרויס רחמים, כדי אריינ-צוקריגען זיך אין ווילנער טעאטער.

עס האט איהם אבער געדראהט, אז מ'זאל איהם אויך פון דארט משלח זיין, און פאר מורא, אז אט-אט וועט ער מוזען אנקומען צו בעטעל-ברויט, האט ער זיך גענומען ס'לעבען...

אויסצאהלונג פון אונטערשטי-צונגען פאר ארבייטסלאזע

פאר'ן חודש דעצעמבער 1932 וועט פאר-קומען:

דאנערשטאג, דעם 22 דעצעמבער 1932, די ליטערעס:

A B C D E F G H I J K L Ł M

פרייטאג, דעם 23 דעצעמבער 1932, די ליטערעס:

N O P R S T U W Z Ż

איז די חגאות זאל אויסברעכען א שטרייק אין די קינאס

(2) דער פערבאנד פון קינא-אפעראטארען האט ארויסגעשיקט צום ארבייטס-אינספעקטאר אינזש. וואיטקיעוויטש, א ברייט-ארגומענטירטען פארשלאג, אין וועלכען עס ווערט געפאדערט א פערשטענדיגונגס-קאנפערענץ, און וועגען שליסען א קאלעקטיווען אפמאך, וואס זאל רעגולירען די ארבייטס-בעדינגונגען און די שכירות פון די קינא-אפעראטארען און זייערע געהילפען.

אויב דער קאלעקטיווער אפמאך וועט נישט געשלאסען ווערען, פראקלאמירט דער פערבאנד אויפ'ן 25 און 26 ד. ח. א שטרייק אין די לאדזער קינאס.

פיער זעלבסטמארדען

אין איין פאל איז דער רעזולטאט געווען — דער טויט

(2) נעכטען זענען פערנאטירט געווארען 4 פאלען פון בעגיין זעלבסטמארד:

אויף דאמבראווסקיעגא 41 האט זיך פער-סם'ט די 20-יאהריגע העלענע לוטשאק.

אויף נארוטאוויטשא 45 האט אויסגעטרונקען יאדינע די 25-יאהריגע זאפיא מישקיעוויטש.

אין טויער אויף לוטאמירסקא 7 האט זיך גע'סם'ט דער 26-יאהריגער פראנצישעק קרויזע (פיעטריקאווער 30), אנ'ארבייטסלאזער.

פאגאטאוויע האט זיי ערטיילט הילף.

אין וועלדעל הינטער ברוס האט מען געפו-נען דעם טויטען קערפער פון א מאנספערשוין. דאס איז געווען דער 35-יאהריגער יאן זוברעס, וועלכער האט זיך מחמת גרויס דחקות און עלענד, גע'סם'ט מיט עסיג-עסענץ.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: ק. לייבוועּ-בער (פרייהייטס-פלאץ 2), י. הארטמאן (מלינארסקא 1), ה. דאנילעצקי (פעטריקאווער 127), א. פערל-מאן (ציגעל-גאס 32), י. צימער (וואולטשאנסקא 37), פ. וואיטשיצקי (נאפיורקאווסקיעגא 27).

צושניטען פון דער באהן

(2) נעבען דער באהן-סטאציע ראדאמסק האט מען אויף דער באהן-ליניע געפונען א צו-שניטענעם קערפער פון א יונגער פרוי.

קיין שום דאקומענטען האט מען ביי איהר נישט געפונען.

עס ווערט געפיהרט אנ'אויספארשונג ווער די פרוי איז, און ביי וועלכע אומשטענדען זי איז אומגעקומען.

קלאנג-קינא-טעאטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26
היינט — גרויסע פרעמיערע!
מפכטיגע דראמע א. נ.
„אין יעדעז פארט א מיידעל"
אין דער הויפט-ראל Albert Prejean
אויסער'ן פראגראם: גרויסע דראמע
„גאלדהאריגער מלאך"
אין דער הויפט-ראלע:
MICHAŁ CZECHOW.
אנהויב פון די סעאנסען טעגליך 4 נאכמיטאג
שבת און זונטאג 12 א זייגער בטאג.

יעדער ליבהאבער פון שעהנער קונסט
דארף בעזוכען די
בילדער-אויסשטעלונג
פון בעריהמטען קונסט-מאלער
יעקב ראטבוים
אין לאקאל פון „בני ברית"
פיעטריקאווער 90.

טעל. 213-84 „פילהארמאניע-זאל" טעל. 213-84
היינט, זונטאג, דעם 18-טען דעצעמבער, 9 א זייגער אוועגד
און מארגען, מאנטאג, דעם 19. דעצ., 9 א זייגער אוועגד
די לעצטע פארשטעלונגען די בעקאנטע ארטיסטקע
אידא קאמינסקא
צוזאמען מיט איהר אנסאמבל הדסה האליטש, אסתר גאלדענבערג אין דער סענסאצ. מאדערנער פיעסע פון דער אויטארקע Morozowicz-Szczepkowskiej
„מיר פרויען" (מאניקא'ס איבער-לעבענישען).
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

דער בעל יום-טוב ווייס גענוי

וואס עס פערשאפט אמבעסטען איז דער היים פרייד.

דעריבער טאקע דארף מען אויף יום-טוב באקען לויט

ד"ר עטקער'ס אויסגעפרובטע פארשריפטען

נור אזא געבעקס זעהט אויס אויסגעצייכענט, שמעקט וואונדערבאר און דינט יעדען איינציגען.

